בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס ל', בשלח - יתרו תשע"ט

# תוכן השיעור

| | |
|---|---|
| 'צדיק מושל' | 'זוכר כל הנשכחות' |
| 'נעלבים ואינם עולבים' | "אלט טאר מען ניט זיין"! |
| 'ארך אפים ראה' | 'הריני מקשר עצמי לכל הצדיקים' |
| 'העיקר הוא הרצון' | 'כתבם על לוח לבך' |
| 'עולמך תראה בחייך' | 'תפארת לו מן האדם' |
| 'ושנא את הרבנות' | 'לקרב ולא לרחק' |
| 'קרטליתא דמקבעי בה אבנים טובות' | 'ימין מקרב' |
| 'והוא ינהגנו על מות' | 'לשנות מפני השלום' |
| 'לבר נטלין ולא עאלין'...! | 'שובו בנים שובבים' |

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 30

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

# פרשת וארא, תשל"ד

(טייפ מס' 10#)

## 'צדיק מושל'

(מדבר בענין המנהיגות האמתי של הצדיק האמת בתו' י"ח בליקוטי מוהר"ן)[א]

- - - (ביי דער אנהויב פון) דער מנהיגות פונעם רבי'ן, איז דער רבי אלט געווען "אכצן יאר", ווען דער רבי איז אריין אין מעדוועדיווקע - שנת תק"ן[ב], "הונדערט פיר און אכציג יאר" איז שוין דא פון תק"ן ביז איצטער.

און דער 'מנהיגות' פונעם רבי'ן פירט זיך! ס'פירט זיך א 'מנהיגות' פונעם רבי'ן!

ס'איז טאקע דא חילוקים, דאס 'מלכות' פונעם אויבערשטן איז דאך "כי המלכות שלך הוא ולעולמי עד תמלוך בכבוד", אבער דאס 'מלכות' פונעם אויבערשטן איז דאך אויך אזוי; מען פאלגט - מען פאלגט נישט, אבער ס'איז דאך א מלכות! ס'איז דאך א מלכות דקדושה! ס'פירט זיך!

(די זעלבע זאך - כביכול), דאס 'מלכות' פונעם רבי'ן פירט זיך שוין "הונדערט פיר און אכציג יאר", ברוך השם דאס 'מנהיגות' גייט אויף דעם אופן אזוי ווי בחיי רבינו! דאס איז דער 'מנהיגות'! אז מיר איז שווער מקיים צו זיין די זאך?! וועל איך אבער דאך נישט איבער-ארבעטן דאס מנהיגות! דאס מלכות פונעם רבי'ן איז נאר אויף דער אופן! אזוי גייט דאס מלכות פונעם רבי'ן!

*

---

[א] ז"ל בתו' י"ח; וְלִפְעָמִים חוֹשֵׁב אָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ רַחֲמָנוּת עַל הָעוֹלָם, וְרוֹצֶה בְּהַנְהָגָתוֹ, וּבֶאֱמֶת זֶהוּ הָרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד, וְתוֹלֶה רְדִיפָתוֹ בְּרַחֲמָנוּת, וּבֶאֱמֶת הוּא רָחוֹק מֵרַחֲמָנוּת הַזֶּה. כִּי כָּל זְמַן שֶׁאֵין לָאָדָם אֱמוּנָה בִּשְׁלֵמוּת שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת אַחֲרָיו, בְּוַדַּאי אֵין לוֹ לְקַבֵּל הַמְּלוּכָה וְהַהַנְהָגָה ... וְדַע, שֶׁהָאֱמוּנָה הִיא מַחֲזֶקֶת תָּמִיד בַּמַּלְכוּת וְהַהַנְהָגָה, שֶׁלֹּא יִקַּח אוֹתָהּ זָר שֶׁאֵין רָאוּי לָהּ. ... הַצַּדִּיקִים הַמַּנְהִיגִים אֶת הָעוֹלָם בִּבְחִינַת "צַדִּיק מוֹשֵׁל" (שְׁמוּאֵל־ב כ"ג), הֵם אוֹחֲזִים בְּמִדַּת הַמַּלְכוּת ...

[ב] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ח, ועי' גם כוכבי אור שיחות וסיפורים אות מ"ב.

רבי נתן שרייבט אין א מכתב דארטן - שרייבט ער צום זוהן; "דו ווייסט דאך אז **דער רבי האט זייער געהאלטן מען זאל דאווענען גאנץ פרי, בפרט - זאגט ער - כוותיקין"!**[ג]

די 'חוקי המלכות' ווייסן מיר פונעם רבי'ן! מיר איז שווער מקיים צו זיין - וועל איך מאכן די זאך אנדערש?! אזוי ווי די תורה הקדושה - דעם שלחן ערוך! א סעיף אין שלחן ערוך וואס ס'איז מיר שווער מקיים צו זיין - בעהט דעם אויבערשטן דו זאלסט יא קענען מקיים זיין!

אַדאָם איז דער גאנג פונעם רבי'ן!

דער זאך פונעם רבי'ן, בענין 'חצות', 'התבודדות', די אלע זאכן, א תורה וואס דער רבי האט - די עצות פונעם רבי'ן, אלעס, דאס איז דער מנהיגות פונעם רבי'ן! יעדע דיבור פונעם רבי'ן!

**דער רבי האט געזאגט "מיין פייערל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען"!**[ד]

אוודאי, יעדער איינער וואס ער וועט זיך מער צורירן פונעם רבי'ן, און ער וועט מער גיין מיט די עצות, איז ער מקיים זיין 'מנהיגות'!

(למשל) א 'חייל' - ער איז מער געטריי, ער דינט דעם מלך, ער איז מער געטריי, אבער דאס מנהיגות בייט זיך נישט! דערפאר - ווייל איך קען נישט געבן קיין ריר קיין איין סעיף קטן פונעם מנהיגות! דאס איז דער סדר, דאס איז דער מנהיגות! דאס איז דער רבי, דאס איז זיין מנהיגות!

*

[ג] עי' עלים לתרופה מכתב כ"ו; וְאַתָּה יָדַעְתָּ עֹצֶם תְּשׁוּקָתֵנוּ לְהִתְפַּלֵּל תָּמִיד בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם, כַּאֲשֶׁר הִזְהִירָנוּ הוּא זַ"ל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן ל"א). נָא בְּנִי, שֶׁתַּרְגִּיל עַצְמְךָ בָּזֶה, מִי יִתֵּן שֶׁתִּזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם תְּפִלַּת הַוָּתִיקִין, אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלְּלִין בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם יֵשׁ פְּנַאי וְחֵרוּת כָּל הַיּוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ עַל כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁזָּכִינוּ לְקַבֵּל מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה, כִּי גַּם הַנְהָגָה הַזֹּאת הַנַּ"ל הוּא יְסוֹד גָּדוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

[ד] חיי מוהר"ן אות ש"ו.

# 'נעלבים ואינם עולבים'

פון די אלע זאכן פונעם מנהיגות, איז דא נאך א זאך ביים רבי'ן, ביים רבי'ן איז דא א זאך - אז מען זאל 'שווייגן'!

**דער רבי האט געזאגט; "איך בין געקומען אין ארץ ישראל, האב איך געבראכט א מתנה - מחלוקת"![ה]**

וואספארא מתנה איז דאס 'מחלוקת'? א מתנה 'מחלוקת'?!

צום רבי'נס זאך - דאס איז א חסידות וואס ס'איז געווען - אויב דו ווילסט זיך האלטן, זאלסטו וויסן "זאלסטו שווייגן"! טאמער ווערסטו ווערלן טוהן מער אין אידישקייט, ווערסטו דארפן מער שווייגן! דו מוזט שווייגן![ו]

נאר וואס דען, ס'זאל נישט זיין אזא מין שווייגן - דער רבי רעדט אין א תורה פון פ"ב, אז ס'איז דא 'צוויי סארטן שווייגן',[ז] איינער שווייגט (כלומר); "זאל ער רעדן צוזעצטערהייט, עה - וואס ארט דיר ער רעדט? זאל ער רעדן"! מיט דעם שווייגן וועט זיך נישט אויסארבעטן די כוונה!

---

[ה] עי' שיש"ק ח"ו אות כ"ז.

[ו] בליקוטי מוהר"ן תנ' ו' אות ב'; וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק. ועי' ליקוטי הלכות ברכת הפירות ה' אות י"א; וּבִשְׁבִיל זֶה צְרִיכִין לִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים הַרְבֵּה קֹדֶם שֶׁמִּתְקָרְבִין לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת, וַאֲפִלּוּ אַחַר שֶׁמִּתְקָרְבִין צְרִיכִין בְּכָל פַּעַם לִסְבֹּל שְׁפִיכוּת דָּמִים הַרְבֵּה מְאֹד, וְהַכֹּל הוּא לְטוֹבָה גְּדוֹלָה, כִּי זֶה עִקַּר תְּשׁוּבָתוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הוּא זוֹכֶה לַעֲמֹד עַל עָמְדּוֹ לִבְלִי לְהִתְרַחֵק מֵה' יִתְבָּרַךְ וּמֵהַצַּדִּיק עַל יְדֵי כָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו, כִּי עַל פִּי הַתּוֹרָה הַנַּ"ל מְבֹאָר שֶׁהַכֹּל בְּחִינָה אַחַת מַמָּשׁ, כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא עַל יְדֵי מַה שֶּׁשּׁוֹמֵעַ בִּזְיוֹנוֹ וְשׁוֹתֵק, וְסוֹבֵל שְׁפִיכַת דָּמִים, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת אָדָם וְכוּ', שֶׁזֶּהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת הִתְקָרְבוּת לְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, וְהַתַּלְמִיד הַמִּתְקָרֵב אֵלָיו הוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה וְכוּ', שֶׁזֶּה אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת כִּי אִם עַל יְדֵי שְׁפִיכוּת דָּמִים וּבִזְיוֹנוֹת הַרְבֵּה כַּנַּ"ל.

[ז] ז"ל שם; אִיתָא בַּגְּמָרָא (שַׁבָּת פח:): הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים שׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב אוֹמֵר: "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ" ... הַיְנוּ כִּי לִפְעָמִים הוּא שׁוֹתֵק לַחֲבֵרוֹ, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת לוֹ יִסּוּרִים בְּיוֹתֵר, נִמְצָא שֶׁבְּזֹאת הַשְּׁתִיקָה הוּא מְחָרֵף אֶת חֲבֵרוֹ בְּיוֹתֵר, וְאָז נִכְלֶלֶת הַשְּׁתִיקָה, בְּחִינַת נֹגַהּ בַּקְּלִפָּה, בִּבְחִינַת חֶרְפָּה כַּנַּ"ל. אֲבָל כְּשֶׁעוֹשֶׂה מֵאַהֲבָה שֶׁשּׁוֹתֵק מֵאַהֲבָה, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְבַיֵּשׁ וּלְחָרֵף אֶת חֲבֵרוֹ, אֲזַי בְּחִינַת נֹגַהּ נִכְלֶלֶת בַּקְּדֻשָּׁה. וְעַל כֵּן עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב אוֹמֵר: "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ" ...

נאר דער שווייגן איז א (סארט) שווייגן, ווייל איך דארף שווייגן! ווייל מיר קומט א בזיון! איך האב דאך מבזה געווען דעם אויבערשטן, "ובוזי יקלו" - זאגט דער רבי אין תורה ו',[ח] 'ובוזי יקלו' איך האב דעם אויבערשטן מבזה געווען, קומט מיר - דארף איך אויך ווערן פארשעמט!

אז דער שווייגן איז מיט דער כוונה - דעמאלטס ארבעט זיך אויס אינעם שווייגן א געוואלדיגער זאך, דערמיט איז ער זוכה צו תשובה, דאס איז דער עיקר התשובה! און דאס איז פון די יסוד פונעם רבי'נס זאך!

אז רבי נתן האט געשוויגן - מען האט איהם אזויפיל מבזה געווען, מען האט איהם אזויפיל גע'רודפ'ט, מען האט איהם געוואלט הרג'ענען, רבי נתן האט געזאגט אלע יארן; "איך וויל נישט זיין קיין רודף, איך וויל זיין א נרדף"![ט]

ס'איז געווען צייטן וואס ער האט געקענט זיין א 'רודף' אויך! די מחקרים[י] האבן געזאגט צו איהם; "אויב איר ווילט, קענען מיר זעהן אז די אלע רודפים - ס'זאל ווערן פון זיי גארנישט! ביז פיר און צוואנציג שעה זאלן זיי זיך נישט געפונען אין גאנצן לאנד - אין רוסלאנד"!

(אמר להם מוהרנ"ת); "ניין, איך וויל נישט זיין קיין רודף"! ער האט זיי א זאג געגעבן מיט דעם לשון; **"איך פארגין זיי נישט אז זיי זאלן זיין נרדפים"! "איך וויל זיין א נרדף, נישט זיי זאלן זיין נרדפים"!**

קומט אויס - דאס איז גאר א יסוד פונעם רבי'נס זאך - אז איך זאל זיין א 'נרדף', נישט קיין 'רודף'! א נרדף מוז שווייגן, א נרדף מוז שווייגן!

*

# 'ארך אפים ראה'

ס'איז דא א תורה "אריכת אפים" (תו' קנ"ה) - מען רעדט דאך דא פון אריכת אפים - זאגט דער רבי דארטן; א מענטש - ער וויל דאווענען, ער וויל דאווענען אזוי ווי א

---

[ח] עיי"ש אות ב'.

[ט] עי' שיח שרפי קודש ח"א אות ת"ר.

[י] המשכילים באומאן שמוהרנ"ת היה מדבר עמהם עפ"י ציווי רביז"ל, כמבואר במקו"א.

איד דארף דאווענען, ער וויל צוקניפן דער מחשבה צום דיבור, ער וויל דאווענען, און מען לאזט איהם נישט - און ער האלט זיך - דאס איז 'אריכת אפים'!

דאס הייסט אויך 'שווייגן'! ער פאלט נישט אראפ ביי זיך!

א מענטש אז ער גלוסט א זאך און ער האט עס נישט, פאלט ער אראפ ביי זיך! איך וויל דאווענען, איך וויל דאך?! איך וויל צוקניפן דעם מחשבה צום דיבור - איך וויל דאווענען, איך וויל זיך באנייען און דאווענען אלע טאג, איך וויל - און ס'גייט נישט?! פאלט ער אראפ ביי זיך - "אז נישט איז נישט"! דאס הייסט נישט קיין 'אריכת אפים'!

'אריכת אפים' הייסט; "איך וויל - און איךווארט"! איך האב אריכת אפים! איך ווארט, אבער איך וויל, איך הער נישט אויף צו וועלן!

טאמער הער איך אויף צו 'וועלן', איז עס נישט קיין אריכת אפים! האב איך אפגעלאזט אינגאנצן, "אז נישט איז נישט", "אז ס'גייט נישט - גייט נישט" (- דאס הייסט נישט קיין אריכת אפים)!

נאר וואס הייסט אריכת אפים? מיין 'זאך' לאז איך נישט אפ, איך וויל! איי, מען געבט נישט? ווארט איך צו! - רופט עס דער רבי 'אריכת אפים', דארט אין די תורה קנ"ה.[יא]

'משה רבינו' וואס האט אזוי געברענט קיין ארץ ישראל, "מה ראה"? וואס האט ער געזעהן? "**ארך אפים ראה**"!

פראסט פשט אין די גמרא איז; אז דער אויבערשטער איז א 'ארך אפים', דער אויבערשטער האט איהם געזאגט אז ער וועט נישט קומען קיין ארץ ישראל, איז פארוואס האט ער אזויפיל געברענט? נו, דער אויבערשטער איז אן 'ארך אפים', דער

[יא] וז"ל שם; הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה עַל־יְדֵי אֱמוּנָה לַאֲרִיכַת אַפַּיִם, שֶׁיַּאֲרִיךְ אַפּוֹ עַל כָּל דְּבַר בִּלְבּוּל וּמְנִיעָה שֶׁעוֹבֵר עָלָיו בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ, שֶׁיִּסְבֹּל הַכֹּל, וְלֹא יִתְעַצֵּב וְלֹא יִתְעַצֵּל עַל־יְדֵי־זֶה כְּלָל, רַק יַעֲצֹר רוּחוֹ וְלֹא יִכְפַּת לֵהּ כְּלָל, וְיַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ, וְיַעֲבֹר עַל הַכֹּל, וְלֹא יָחוּשׁ עַל כָּל הַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת כְּלָל, שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם, שֶׁזּוֹכִין עַל־יְדֵי אֱמוּנָה. ועי' ענין זה בארוכה בליקוטי הלכות הל' תפילין הל' ה' אות ו' ז' ח' ט', עיי"ש.

אויבערשטער וועט מוחל זיין, ער וועט יא קומען קיין ארץ ישראל! - דאס איז דער פראסטער פשט.

אבער דער רבי טייטשט אזוי; ער האט געזעהן אז דארטן איז מען זוכה צו 'אריכת אפים', דאס האט געזעהן, דערפאר האט ער אזוי געברענט קיין ארץ ישראל! ער האט געזעהן אז דורך ארץ ישראל קומט מען צו 'אריכת אפים'![יב]

דאס האט איהם געפעהלט - 'משה רבינו', די גאנצע פגם פון "הכאת הצור" איז געווען געוואנדן ווייל ער האט נישט געהאט קיין 'אריכת אפים' - "דוחק את השעה"![יג]

און די פגם ביי 'מִדְיָן' דארט "ויקצוף על פקודי החיל",[יד] האט ער געזעהן אז ער איז דורכגעפאלן צוויי מאל, אלס דערפאר, (ער האט געדארפט האבן) דער זאך פון 'אריכת אפים'!

דער רבי האט געזאגט טאקע; אז אריכת אפים - ער זאל נישט האבן קיין 'הקפדה בלב' - האט ער זוכה געווען דורך ארץ ישראל! אזוי האט דער רבי געזאגט אויף זיך.[טו]

---

[יב] וז"ל שם; וְעִקַּר גֹּדֶל הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַהִתְלַהֲבוּת שֶׁל משֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה שֶׁהָיָה מִתְלַהֵב לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל כָּל־כָּךְ, הָיָה רַק בִּשְׁבִיל מִדָּה זֹאת שֶׁל אֲרִיכַת אַפַּיִם, מֵחֲמַת שֶׁרָאָה שֶׁשָּׁם בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל זוֹכִין לִבְחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם כַּנַּ"ל, וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (סַנְהֶדְרִין קי"א): "וַיְמַהֵר משֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ", 'מָה רָאָה אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה', הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי מֵחֲמַת שֶׁרָאָה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם שֶׁהוּא תָּלוּי בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל, עַל־כֵּן "וַיִּקֹּד אַרְצָה", שֶׁהָיָה לִבּוֹ בּוֹעֵר לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי לִזְכּוֹת לְאֶרֶךְ אַפַּיִם כַּנַּ"ל.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תורה כ' אות ה'; וְזֶהוּ טָעוּת שֶׁטָּעָה משֶׁה, שֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אָמַר לְמשֶׁה: "קַח אֶת הַמַּטֶּה וְהַקְהֵל אֶת הָעֵדָה וְדִבַּרְתָּ אֶל הַסֶּלַע לְעֵינֵיהֶם" ... וְזֶהוּ הַכָּאַת הַסֶּלַע פַּעֲמַיִם: הַכָּאָה אַחַת, שֶׁלָּקַח בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה בְּכֹחַ וּבְאֹנֶס וְלֹא בִּקֵּשׁ מַתְּנַת חִנָּם כַּנַּ"ל, וְהַכָּאָה אַחַת - כִּי מִי שֶׁדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, שָׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ (בְּרָכוֹת ס"ד. וְעֵרוּבִין יג:), וְנִסְתַּלֵּק קֹדֶם זְמַנּוֹ ... וּבִשְׁבִיל זֶה אֵין לָאָדָם לִדְחֹק אֶת עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, אֶלָּא יְבַקֵּשׁ בְּתַחֲנוּנִים. וז"ל בליקוטי הלכות הל' גזילה ה' בסופו; כִּי אֲפִלּוּ צַדִּיקִים נוֹרָאִים וְנִשְׂגָּבִים, כָּל שְׁגִיאוֹתָם הָיָה בְּעִנְיָן זֶה, אַךְ מַה לָּנוּ לְהָבִין וּלְהִתְבּוֹנֵן בִּשְׁגִיאוֹתָם, אַךְ תּוֹרָה הוּא וְלִלְמֹד אָנוּ צְרִיכִין, לְהָבִין עַל יָדָם רְמָזִים לְעַצְמֵנוּ, אִם בָּאֲרָזִים נָפְלָה שַׁלְהֶבֶת עַל יְדֵי דְּחִיקַת הַשָּׁעָה לְפִי נִשְׂגָּבוּת מַעֲלָתָם בְּרוּם גָּבְהֵי מְרוֹמִים, מַה יַּעֲשׂוּ אֲזוֹבֵי קִיר כָּמוֹנוּ, כִּי מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כַּמָּה אָנוּ צְרִיכִין לְהִזָּהֵר מִבְּחִינַת דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, שֶׁמִּשָּׁם כָּל הַפְּגָמִים וְהַקִּלְקוּלִים רח"ל, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהִתְעוֹרֵר לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ אָסוּר לִהְיוֹת דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה.

[יד] במדבר ל"א י"ד, ועי' רש"י שם כ"ד.

ער האט געהאט פריער אויך 'אריכת אפים', אבער הקפדה 'בלב' זאל ער אויך נישט האבן - דאס האט ער זוכה געווען דורך ארץ ישראל!

אזוי קומט אוים - נו "כעס" (זהו 'אריכת אפים' - שלא יכעס, אבל ע"פ מה שמבאר רבינו בתורה קנ"ה -) דאס איז אינגאנצן דער יסוד פון אידישקייט! אינגאנצן דער יסוד פון אמונה - פון די תפילה - איז דער ענין פון 'אריכת אפים'! 'איך וויל', און איך הער נישט אויף צו ווען! - און דערמיט האב איך אריכת אפים!

ס'איז דאך א נייע סארט 'אריכת אפים'! אזוי - אריכת אפים איז נישט ווערן אין כעס, אבער דער רבי זאגט אן אנדערער (פשט), אז דאס איז אן אריכת אפים אין אידישקייט! אין תפילה, אין דער עבודה! איך וויל דער זאך - און מען געבט עס מיר נישט - און איך האב אריכת אפים!

*

## 'העיקר הוא הרצון'

דער רבי האט געזאגט טאקע צו רבי נתן'ען - ביים אנהויב התקרבות - "דו זאלסט זיך ציהען צו די העכסטע מדריגה, נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע"![טז]

- דאס איז 'אריכת אפים', א מענטש אז ער וויל גיין ארויף, און נאכדעם געבט מען איהם א ווארף - און ער גייט ווייטער אויף ארויף! וואס מען ווארפט - זאל דיך נישט (אראפווארפן), איך דארף נאר גיין, איך דארף נאר גיין, איך וויל ווייטער!

דער בעל דבר וואס ווארפט דער מענטש אראפ, מיינט ער נאר - זיין כוונה איז נאר - טאמער וועט ער אויפהערן צו ווען! טאמער וועט ער אויפהערן ווען![יז]

---

[טו] עי' בליקוטי הלכות הל' תפילין ה' אות י"ז: כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל עַל עַצְמוֹ שֶׁזָּכָה לִבְחִינָה זֹאת בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֲרִיכַת אַפַּיִם כָּזֶה שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּלִבּוֹ שׁוּם צַד כַּעַס וּקְפֵידָא אֲפִלּוּ עַל הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁלּוֹ שֶׁעוֹשֶׂה לוֹ כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לוֹ בְּלִבּוֹ עָלָיו שׁוּם שִׂנְאָה וּקְפֵידָא. ועי' שבחי הר"ן אות כ"ב.

[טז] עי' שיש"ק ח"ב אות ע'.

[יז] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכות הריח ד' אות ה': וְזֶה בְּחִינַת הֱוֵי רָץ לְמִצְוָה קַלָּה וּבוֹרֵחַ מִן הָעֲבֵרָה, שֶׁמִּצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה וַעֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵרָה, שֶׁשְּׂכַר מִצְוָה מִצְוָה וּשְׂכַר עֲבֵרָה עֲבֵרָה. כִּי כָּל מַה שֶּׁעוֹשִׂין

דאס איז א געוואלדיגע כח - אז מען הערט נישט אויף צו 'וועלן', כאטש איך האב נאכנישט די זאך!

און דער אמת איז גאר - אז אין אידישקייט קען מען גארנישט וויסן צו מען האט יא, צו מען האט נישט! אמאל ווען ער טראכט אז ער האט נישט, און ער האט גאר יא! און ווען ער טראכט ער האט יא, און ער האט גאר נישט![יח]

ווארן דער 'נקודה הפנימית' וואס דאס הייסט - "ער האט, צו נישט", דער מענטש ווייסט נישט וואס ער האט! ער ווייסט גארנישט וואס הייסט דאס דאזיגע!

עס שטייט טאקע אין שיחות הר"ן;[יט] **"אמאל ווייזט מען נישט א מענטש כל ימיו צו ער האט עפעס אפגעטוהן אויף דער וועלט"**! דאס איז זיין נסיון, מען ווייזט איהם נישט שוין!

---

אֵיזֶה מִצְוָה, זוֹכִין לְרָצוֹן חָזָק יוֹתֵר לַה' יִתְבָּרַךְ, כִּי זֶהוּ הַתַּכְלִית וְהַשָּׂכָר שֶׁל הַמִּצְוָה כַּנַּ"ל, וְעַל-כֵּן מִצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה ... כִּי עִקַּר פְּגַם הָעֲבֵרָה הוּא מַה שֶּׁנֶּחֱלָשׁ הָרָצוֹן דִּקְדֻשָּׁה עַל-יְדֵי הָעֲבֵרָה כַּנַּ"ל, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה עֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵרָה, וְעַל-כֵּן נִדְמֶה לוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָצֵאת מִמַּה שֶּׁנִּלְכַּד בּוֹ. אֲבָל הַבְּחִירָה חָפְשִׁיּת תָּמִיד, וּתְשׁוּבָה קָדְמָה לָעוֹלָם, וְה' יִתְבָּרַךְ נָתַן כֹּחַ בָּאָדָם שֶׁאֲפִלּוּ אַחַר כָּל הָעֲבֵרוֹת וְהַחֲטָאִים ח"ו, יֵשׁ לוֹ כֹּחַ עֲדַיִן לְהִתְגַּבֵּר בִּרְצוֹנוֹת חֲזָקִים לַה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה יְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְיִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל.

ושם בהל' ערב ג' אות ד'; נִמְצָא, שֶׁהַכְּלָל הוּא הָרָצוֹן לַה' יִתְבָּרַךְ, אֲשֶׁר רַק בִּשְׁבִיל זֶה בָּא הָאָדָם לָעוֹלָם הַזֶּה, וְהוּא עִקַּר הַתַּכְלִית שֶׁל הָאָדָם וְכַנַּ"ל ... וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי אַשְׁרֵי מִי שֶׁלֹּא חָטָא, כִּי גַּם הָאָדָם מַה שֶּׁהוּא מְלֻבָּשׁ בָּעוֹלָם הַזֶּה לְבַד הוּא גַּם כֵּן בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה שֶׁיּוּכַל לִשְׁכֹּחַ אֶת הָרָצוֹן דִּקְדֻשָּׁה ח"ו, עַל יְדֵי הָרְצוֹנוֹת הַפְּגוּמִים שֶׁל הָעוֹלָם הַזֶּה, אֲפִלּוּ עַל יְדֵי הָרְצוֹנוֹת שֶׁל הֶתֵּר, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כְּשֶׁחַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל בְּאֵיזֶה עָוֹן וָחֵטְא וְנִתְרַחֵק יוֹתֵר וְיוֹתֵר, בְּוַדַּאי הוּא מְסֻכָּן מְאֹד, כִּי יָכוֹל ח"ו לִשְׁכֹּחַ לְגַמְרֵי אֶת הָרָצוֹן דִּקְדֻשָּׁה מֵחֲמַת שֶׁנִּתְרַחֵק מְאֹד. אֲבָל מִי שֶׁכְּבָר נִכְשַׁל בְּאֵיזֶה חֵטְא וְעָוֹן ... עַל כָּל פָּנִים יִזְכֹּר אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם וְיַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִכְסֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק לַה' יִתְבָּרַךְ בִּרְצוֹן חָזָק תָּמִיד, זֶה עִקַּר הַתְּשׁוּבָה.

[יח] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה' אות א'; וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל, יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין וְכוּ'. וְלִכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן מַהוּ הָעִנְיָן תַּאֲמִין, הֲלֹא יְכוֹלִין לִרְאוֹת אִם מָצָא אִם לָאו?! אַךְ בֶּאֱמֶת עַל פִּי הַנַּ"ל מְבֹאָר הֵיטֵב, כִּי אֲפִלּוּ אִם עֲדַיִן אֵין רוֹאִים מַה שֶּׁמָּצָא וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁעֲדַיִן לֹא מָצָא כְּלוּם, וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵה' יִתְבָּרַךְ כְּמִקֹּדֶם חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁבְּוַדַּאי מָצָא עַל יְדֵי הַיְגִיעָה בְּעַצְמָהּ כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין. 'תַּאֲמִין' בְּוַדַּאי. כִּי צְרִיכִין לְהַאֲמִין שֶׁבְּוַדַּאי מוֹצְאִין עַל יְדֵי הַיְגִיעָה אַף עַל פִּי שֶׁעֲדַיִן אֵין רוֹאִים מַה שֶּׁמּוֹצְאִין.

אבער דער מענטש דארף זיך נאר ציהען, ער דארף זיך ציהען צו גוט'ס, איך דארף זיך ציהען צום דאוונען, איך דארף זיך ציהען מיט די מחשבה - צוקניפן די מחשבה, איך דארף ציהען די אויגן! (- שמירת עינים).

איך דארף נאר וועלן און וועלן און וועלן - דאס איז מיין זאך! איי, מען געבט מיר א ווארף אויף קריק? דארף איך האבן 'אריכת אפים'! דארף איך נישט אויפהערן צו וועלן! דאס איז א יסוד פונעם רבי'נס זאך - דאס.

*

## 'עולמך תראה בחייך'

ברענגט דער רבי טאקע דא (כתורה י"ח);[כ] אז דורך 'אריכת אפים' איז מען זוכה אז מען זאל דערפילן דעם "תכלית, שעשוע עולם הבא"! - זאגט דער רבי אין דער תורה.

אין 'שעשוע עולם הבא' קען מען גארנישט האבן קיין תפיסה, ס'איז גארנישט קיין שייכות אז דער מענטש זאל תופס זיין אין דער מחשבה אפילו! "עין לא ראתה אלקים זולתך" - אפילו די נביאים האבן נישט געהאט קיין געפיל אין 'שעשוע עולם הבא', דער אויבערשטער האט זיי נישט געוויזן דעם 'תענוג עולם הבא' וואס די צדיקים וועלן האבן אמאל! ער האט זיי אלעם געוויזן, אבער דאס האט ער זיי נישט געוויזן![כא]

---

[יט] שיחות הר"ן אות רמ"ד: שָׁמַעְתִּי מֵאֶחָד מֵחֲשׁוּבֵי אֲנָשִׁים אִישׁ כָּשֵׁר וִירֵא שָׁמַיִם וְעוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת, שֶׁאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ ז"ל, שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם עוֹבְדֵי ה' שֶׁאֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְאֶה לָהֶם מַה שֶּׁפָּעֲלוּ כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם, רַק אַחַר מוֹתָם בָּעוֹלָם הַבָּא, אָז יִרְאוּ מַה שֶּׁפָּעֲלוּ. וְהֵבַנְתִּי שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל אָמַר לוֹ דָּבָר זֶה לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת, לְבַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מַה שֶּׁכְּבָר עָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַעֲדַיִן אֵינוֹ רוֹאֶה בְּעַצְמוֹ שׁוּם פְּעֻלָּה, כִּי יֵשׁ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִרְאוֹת כָּל יְמֵי חַיָּיו מַה שֶּׁפָּעַל כִּי־אִם לְאַחַר כָּךְ כנ"ל.

[כ] וז"ל שם: וְדַע, שֶׁהַתַּכְלִית שֶׁל הַבְּרִיאָה הוּא שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, וְאִי אֶפְשָׁר לְקָרֵב זֹאת הַתַּכְלִית לְמַחְשְׁבוֹת בְּנֵי־אָדָם, כִּי זֹאת הַתַּכְלִית עָלָיו נֶאֱמַר (יְשַׁעְיָהוּ ס"ד): "עַיִן לֹא רָאָתָה וְכוּ'". אֲבָל הַצַּדִּיקִים בֶּאֱמֶת, גַּם הֵם יְכוֹלִים לִתְפֹּס בְּמַחֲשַׁבְתָּם תַּכְלִית עוֹלָם הַבָּא. וְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, לְפִי שָׁרְשׁוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּתוֹךְ נִשְׁמַת הַצַּדִּיק, כֵּן מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ גַּם כֵּן זֹאת הַתַּכְלִית, כְּפִי הֲפָרַת הַכַּעַס בְּרַחֲמָנוּת.

[כא] ברכות דף ל"ד ע"ב, ועוד.

זאגט דער רבי; די צדיקים באמת - זיי זענען יא "תופס במחשבתם שעשוע עולם הבא", און דער וואס איז מקורב צו זיי, און ער איז מכיר דעם 'כעס ברחמנות' - ער האט אריכת אפים - דורך אריכת אפים איז ער זוכה דערצו, ער זאל האבן אזא מין - (השגת בחינת עולם הבא).

ווייזט אוים טאקע אזוי, מיר האבן דאך פריער גערעדט דאס - אז דער ענין פון 'שעשוע עולם הבא' - דאס איז א זאך פון 'בלתי גבול', אז איך בין מיט א 'גבול' - ווי קען איך וויסן א זאך וואס ס'איז 'בלתי גבול'?!

איך בין אין א גבול - איך בין אין א גבול פון שלאפן, פון עסן, פון אנדערע תענוגים, איך בין אין א גבול - ווי קען איך וויסן וואס איז א תענוג פון 'בלתי גבול'?!

דער רבי אין די תורה 'חיים נצחיים' (תו' ע"ב תניינא) רעדט דער רבי דערפון - דורך 'שפלות' איז ער 'בלתי גבול', קען ער האבן א געפיל אינעם 'חיים נצחיים' - דאס איז אויך 'בלתי גבול'.[כב]

און 'שעשוע עולם הבא' - דער רבי רעדט אין דער תורה - 'שעשוע עולם הבא' דאס איז דאך א זאך פון בלתי גבול, ס'האט נישט אין זיך קיין שום גבול, קיין שום צימצום האט עס נישט אין זיך, א 'אור' וואס ס'איז אהן א שום גבול!

נאר דער רבי זאגט א נייעס דא - ווען דער מענטש איז 'מכיר' דעם 'כעס ברחמנות', איז עס אזא מין כח, אז ער קען באקומען אין דעם געדאנק דעם 'תענוג עולם הבא'!

*

און וואס איז אונזער 'תענוג עולם הבא'? ס'איז דא א מכתב איז דא - איינער א פאטער האט געשריבן צו זיין זוהן[כג] - האט ער איהם געשריבן; אז דער

[כב] וז"ל שם; כִּי תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא אִי אֶפְשָׁר לָנוּ לְהַשִּׂיג עַכְשָׁו, וְזֶה מֵחֲמַת שֶׁאָנוּ עַכְשָׁו בִּגְבוּל, וְכָל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ גְּבוּל אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַשִּׂיג תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא הָרוּחָנִי ... וְעַל־כֵּן עִקַּר חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל לֶעָתִיד לָבוֹא, בְּחִינַת תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא, יִהְיֶה רַק לְהַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד, כִּי שִׁפְלוּת וַעֲנִיווּת הוּא בְּחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל, כִּי הוּא בְּחִינַת אַיִן מַמָּשׁ, וְאֵין לוֹ שׁוּם גְּבוּל, מֵחֲמַת שֶׁהוּא בְּתַכְלִית הָעֲנִיווּת, וְעִקַּר חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא הוּא רַק בִּבְחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל כַּנַּ"ל ...

[כג] בשיח שרפי קודש ח"ה אות רס"ט, מובא שזה היה רבי אייזיק קראסינשטיין ז"ל מאנ"ש באומאן שכתב כן במכתב לבנו רבי הירש לייב ז"ל.

**אויבערשטער וועט דיר העלפן, דו וועסט אויפשטיין חצות, און דו וועסט לערנען א תורה אין ליקוטי מוהר"ן, וועט מקוים ווערן "עולמך תראה בחייך"! האסטו דעם 'עולם הבא' שוין דא!**

דער זוהן האט מיר געוויזן דעם בריוו פונעם טאטע'ן! דער פאטער האט איהם געשריבן; ס'וועט זיין "עולמך תראה בחייך"! דו וועסט האבן עולם הבא אויף דער וועלט!

דאס איז אונזער "שעשוע עולם הבא"!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מען זאל זיך האלטן ביים רבי'ן, מען זאל זיך אויסרעדן פאר השם יתברך, און מען זאל זיך רייסן צו דער נקודה פון חצות, און דער עיקר - האבן 'אריכת אפים', און איינער דעם אנדערן אוודאי נישט 'ווי טוהן', נישט וועלן זעהן די חסרונות פון יענעם - דאס איז דאך דער היפך פון אריכת אפים, און נישט וועלן יענעם אוועקמאכן אז יענער טויג נישט, און אין זיך אליין - האבן א געוואלדיגע 'אריכת אפים' אין אידישקייט, איז ממש האט ער דאס - דאס הייסט 'שעשוע עולם הבא'! דאס איז אונזער 'שעשוע עולם הבא'! ממילא איז מען דארטן אויך זוכה (לעתיד לבוא)!

* * *

(השואל; ס'איז געווען א ענין לערנען ליקוטי מוהר"ן חצות? איר האט פארציילט עטליכע מעשיות אז רבי נתן האט געלערנט שולחן ערוך, איינמאל איז געווען וואס ער האט געלערנט ליקוטי מוהר"ן תורה ז' "כי מרחמם ינהגם", און א צווייטע מאל וואס רבי נחמן טולטשינער איז אויפגעשטאנען - האט ער שוין געזעהן ווי רבי נתן לערנט שוין "שלחן ערוך הגדול", ער האט איהם מסדר געווען דארטן אין די קרעטשמע?), **יא יא אוודאי זאל מען לערנען א תורה נאך חצות!**

(השואל ממשיך; אויף רבי משה ברסלב'ער פארציילט מען אויך אז מען האט איהם געהערט לערנען נאך חצות דעם ב"ח), אונזערע לייט פלעגן אזוי טוהן - יעדער זאך וואס הייסט 'משפט'; 'התבודדות' הייסט משפט, און 'שלחן ערוך' איז דאך משפט, און 'ראש השנה' איז משפט,[כד] די זאכן פון 'משפט' וויל מען עס ארויסכאפן אין א צייט וואס ס'איז א 'עת רצון'! אין א צייט פון א עת רצון איז דעמאלטס זייער גוט עוסק צו זיין אין דאס וואס הייסט משפט!

[כד] עי' ביאור הליקוטים סי' ס"א אות ס"א.

*

מיר שטייען ביי אזא מין פארמעג, אין אזא מין 'פלטין של אמת'[כה] שטייען מיר, און מיר זענען טאקע שלימזל'ניקעס אז מען לאזט דאס אפ!

* * *

# 'ושנא את הרבנות'

(השואל; "רבי פנחס'ל" האט איר געקענט?) מיר דאכט זיך אז יא, (השואל; דאכט זיך ער איז געווען אין אומאן), ס'איז געווען א קליין איד'עלע אין אומאן, א גרויסער למדן איז ער געווען, און מען האט געזאגט אז ער איז א פשעדבורז'ער, ווערליג - איז עס געווען רבי פנחס'ל.[כו]

(אחד הנוכחים; מען האט איהם געגעבן קוויטלעך!) אין אומאן? (הנ"ל; אין פוילן) אין פוילן - ער האט עס אוועקגעווארפן, ער האט עס אוועקגעווארפן! (הנ"ל; ער זאגט ער האט גענומען די פדיונות און ער האט עס צוטיילט פאר צדקה!) דאס איז קיין נפקא מינה נישט, ער האט עס אוועקגעווארפן (הקוויטלעך)! (רבי משה בינענשטאק; דאכט זיך מיין שווער - ה"ה רבי יצחק געלבאך ז"ל - האט מיר פארציילט, ער איז געפארן אין די באן, האט ער גענומען די ספאדיק און ארויסגעווארפן אינמיטן וועג!) ער האט איהם נאך געקענט רבי פנחס'ל? (רבי משה בינענשטאק; אוודאי, פון לובלין!).

איך געדענק, א קליין איד'עלע, האט מען געזאגט א גרויסער 'למדן' איז ער, ער איז א פשעדבורז'ער.

"רבי אפרים'ל" (קארקובסקי ז"ל בעל עונג שבת) האט איהם גערופן 'דער רבי זיינער', ער האט איהם מקרב געווען (לרבינו הק'), רבי אפרים'ל האט זייער געהאלטן פון רבי פנחס'ל שטארק!

---

[כה] עי' עלים לתרופה מכתב י"ד; מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה, תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ, כִּי עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת.

[כו] רבי פנחס'ל העילוי ז"ל, מאנ"ש בפולין.

* * *

# 'קרטליתא דמקבעי בה אבנים טובות'

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך האלטן!

און דאס 'קעסטל' איז א קעסטל "דמקבעי בה אבנים טובות"[כ] - ס'איז ארומגענומען 'אבנים טובות' ארום דעם קעסטל, דאס 'מנהיגות', 'אבנים טובות', וואס מען קרוינט מן השמים דעם אמת'ן מנהיג, און דעם קעסטל ווילן נעמען אזעלכע וואס זענען נישט ראוי - ווילן אננעמען דאס מנהיגות, אבער מן השמים לאזט מען נישט, "מן השמים וועט מען נישט לאזן" - זאגט דער רבי - "אין מניחים" מען זאל נעמען דאס מנהיגות, דער וואס ס'איז נישט ראוי!

איי, מען נעמט דאך יא? האבן מיר פריער גערעדט; אבער א נצחיות'דיגע זאך וועט נישט דערפון זיין! מען וועט נישט לאזן!

ברוך השם - דעם רבי'נס זאך זעהט מען דאך שוין, ס'איז דאך שוין - (פון ווען) דער רבי איז ארויס קיין מעדוועדיווקע - איז שוין "הונדערט פיר און אכציג יאר", פון תק"ן, היינט איז שוין תשל"ד, ברוך השם דער רבין'ס הנהגה פירט זיך, ס'פירט זיך א שיינע מנהיגות, אידן וואס זענען מקיים - וואס זיי לערנען אין די ספרים, זיי האבן התבודדות, ס'איז א 'מנהיגות' ברוך השם!

זעהען מיר ארויס אז דער רבי'נס זאך איז א 'נצחיות', דער רבי'נס נאמען איז (בגימטריא) 'נצח', און יעדע דיבור וואס דער רבי האט געזאגט זעהט מען אז ס'ווערט מקויים, און ס'האלט זיך!

---

[כ] עפ"י הלשון מליקוטי מוהר"ן תו' י"ח: עַל־יְדֵי שֶׁנִּמְתָּק הָרֹגֶז וְהַחֲרוֹן־אַף עַל־יְדֵי רַחֲמָנוּת כַּנַּ"ל, אָז נִמְתָּק הַחֲרוֹן־אַף שֶׁיֵּשׁ בְּתוֹךְ הַצַּדִּיקִים עַל־יְדֵי הָרַחֲמָנוּת, וְאָז הָרַחֲמָנוּת גּוֹבֵר עֲלֵיהֶם וּמְרַחֲמִים עַל הָעוֹלָם וְנִתְרַצִּים בְּהַנְהָגָתוֹ, וּמְקַבְּלִים עַל עַצְמָן הַשְּׂרָרָה שֶׁל הַהַנְהָגָה, וּבְזֹאת הָרַחֲמָנוּת הֵם מַנְהִיגִים אֶת הָעוֹלָם, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ מ"ט): "כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם". נִמְצָא שֶׁזֹּאת הָרַחֲמָנוּת הִיא עֲטַרְתָּם, שֶׁמְּעַטֵּר אוֹתָם בְּמִדַּת מַלְכוּת וּמַנְהִיג, וְזֶה בְּחִינוֹת: קַרְטָלִיתָא דְּמִקְבְּעֵי בַּהּ אֲבָנִים טוֹבוֹת, קַרְטָלִיתָא - פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'אַרְגָּז'. אַרְגָּז - זֶה בְּחִינוֹת רֹגֶז הַנַּ"ל, 'וַאֲבָנִים טוֹבוֹת' - זֶה בְּחִינוֹת עֲטָרָה הַנַּ"ל, בְּחִינוֹת רַחֲמָנוּת הַנַּ"ל ... אֲבָל דַּע, שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם אֵין מַנִּיחִים אוֹתוֹ לִקַּח אוֹתָהּ, בִּבְחִינַת: וְנָפְקַת בְּרַת־קָלָא: מָה אִית לְכוּ בַּהֲדֵי קַרְטָלִיתָא דְּאִתְּתָא דְּרַבִּי חֲנִינָא בֶּן־דּוֹסָא, דַּעֲתִידָא לְמִשְׁדֵּי בַּהּ תְּכֶלְתָּא לְצַדִּיקַיָּא לְעָלְמָא דְּאָתֵי.

נאר וואס דען? איי, ס'קאכט זיך וואס קאכט זיך? בכלל, אין דער הנהגה פונעם אויבערשטן איז דאך אויך אזוי - אבער דאס מלכות איז א מלכות, ס'איז א מלכות!

*

"אין מלך בלא עם", יעדער איינער וואס ער רייסט זיך מער צו דער זאך - צו די עצות פונעם רבי'ן, און די ספרים לערנען וואס מערער, און רעדן פונעם רבי'ן - 'מהדר זיין', מהדר זיין דער זאך!

רבי נתן האט געזאגט אין דער צוואה דארטן אזוי; "מהדר זיין דעם רבי'נס זאך"! 'מהדר זיין'![כח]

אונז דארפן זיך נאך מער היטן ווי א אנדערער! ווייל אז מיר טוהען אן עוולה, קומט אויס אז מען איז מבזה 'די גאנצע זאך' איז מען מבזה! "דאס איז א ברסלב'ער?! אזוי טוהט ער, אזוי גייט ער, אזוי פירט ער זיך"?! זענען מיר מער אנגעזאגט אז מען זאל זיין מער נזהר - אפהיטן כבוד שמים, און אפהיטן דעם כבוד פונעם צדיק!

*

# 'והוא ינהגנו על מות'

דאס הייסט 'אריכת אפים'! אז אלע יארן רייסט ער זיך צו אידישקייט, און רייסט זיך, און כאטש עס גייט נישט - און ער האלט זיך און האלט זיך!

איינער איז געווען "רבי אברהם חיים", ווען דער רבי איז געפארן פון 'זלאטיפאליע' קיין 'ברסלב' - איז דער רבי געפארן דורך 'אומאן', האט דער רבי געהאלטן אין אומאן שבת, ס'איז געווען דארטן געווען א מין 'איינפאר' - היינט הייסט עס א 'מלון', האט דער רבי געהאלטן ביי איהם שבת - ביי דער "רבי אברהם חיים'ן".

(השואל; ער איז געווען פון אונזערע לייט?) דעמאלטס איז ער נאכנישט געווען פון אונזערע לייט, דעמאלטס איז ער א אומאן'ער געווען, שפעטער נאכ'ן רבי'נס

---

[כח] במכתב הסתלקות שבסו"ס עלים לתרופה; נוּא, זָאג אִיךְ אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְּרוּקְן דִּי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא. ושם להלן; רַק לַמֵּד אוֹתָנוּ אֵיךְ לְהִתְפַּלֵּל עֲבוּרוֹ, שֶׁיֹּאמְרוּ בְּהִתְבּוֹדְדוּת, שֶׁיִּמָּצֵא לוֹ זְכוּת, שֶׁכָּתַב דִּבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל וְסִדֵּר אוֹתָם וְהִדֵּר אוֹתָם, גַּם עַתָּה רוֹצֶה לְהַדְפִּיס, וְכָל חַיֵּיכֶם תָּלוּי בִּי.

הסתלקות איז זיינער א זוהן - ער האט געהייסן רבי משה, "רבי משה אברהם חיים'ס", דער משה איז שוין געווען אונזער א חסיד.[כט]

האט מען געזאגט רבי נתן'ען "אז רבי משה דאווענט זייער מיט א התלהבות מיט א כוונה" - א געוואלד איהם משבח געווען! האט רבי נתן געזאגט; **"איך האב נאך פון איהם נישט קיין נחת, איצטער דאווענט ער, אז ער וועט אראפפאלן און ער וועט זיך דעמאלטס האלטן, דעמאלטס וועל איך האבן פון איהם נחת"!**[ל]

ער וועט ווערן קאלט, דעמאלטס אז ער וועט זיך האלטן - דעמאלטס וועל איך האבן פון איהם נחת!

*

פארוואס איז עס אזוי? ווייל דאס איז דער עיקר, אז מען ווערט מקורב צום צדיק - שענקט מען 'מתנות' פאר יענעם, מען שענקט איהם א שטיקל צייט - ער דאווענט, ער לערנט, דאס איז א מתנה פון אויבן! אז נישט וועט ער דאך גארנישט האבן!

אזוי ווי ער שענקט איהם א 'מלבוש', "ער שענקט איהם א מלבוש", ס'איז נישט זיין מלבוש! דער מענטש דארף זיך נישט לאזן נאר'ן, ער זאל וויסן "דאס איז נישט מיינס! מען שענקט מיר"! מען וועט דאך ביי איהם דער מלבוש צונעמען קריק! ס'איז דאך נישט מיינע, און איך וועל בלייבן אהן א מלבוש, און דעמאלטס וועט מיר ווערן קאלט,[לא] און דעמאלטס אז איך וועל זיך האלטן - (דעמאלטס איז דער עיקר נחת רוח למעלה).

אזוי גייט דעם רבי'נס זאך; מען שענקט דיר אביסעלע, יעצט לאמיר זעהן וויאזוי דו קענסט אליין גיין!

א קינד - מען פירט איהם מיט די הענט, אבער דאס איז דען דער תכלית מען זאל א קינד פירן?! דער תכלית איז דאך אז א קינד זאל אליין גיין! אליין קענען גיין! אבער מען קען איהם נישט לאזן אליין גיין פריער, ער וועט פאלן, ער וועט זיך צוקלאפן, מוז מען איהם צוהאלטן!

---

[כט] עי' אודותיו באבני"ה ברזל אות ל"ג.

[ל] עי' כעי"ז בכוכבי אור - שיחות וסיפורים אות נ"ז.

[לא] עפ"י חיי מוהר"ן אות פ"ה - מעשה מהאורח.

אבער דער עיקר איז - אז דער קינד זאל זיך נישט לאזן נאר'ן, אז מען האלט איהם צו, "איך קען שוין גיין", דו קענסט נאכנישט גיין! מען האלט דיך נאך צו! דו קענסט נאך אליין נישט גיין, אז מען וועט דיך אפלאזן וועסטו פאלן![לב]

*

ס'ליגט א גרויסע כח ביים רבי'ן, ס'איז א גרויסע כח דעם רבי'נס זאך - מיט די ספרים מיט חברים - אז מען קען מאכן 'גוט' אין דער וועלט! מען קען מאכן 'גוט'!

מען קען מאכן 'גוט' - אז מען זאל זיך נישט שעמען פאר אנדערע, מען קען מאכן 'גוט' אין דער וועלט! ס'ליגט דא א כח, מיט אזעלכע מאטריאלן, מיט "כלי זיין" ליגט דא ביים רבי'ן - וואס מען קען מאכן 'גוט' אין דער וועלט!

* * *

# 'לבר נטלין ולא עאלין'...!

(השואל; וואס האט דער רבי געמיינט; פון זיין זאך וועט אויך זיין 'פירסום של שקר' - וואס האט דער רבי געמיינט?) אוודאי, וואס דען?! (השואל; דער רבי האט געמיינט ממש 'מפורסמים' אדער?) ממש! נישט ממש?!

איך געדענק, ס'איז געווען אמאל א 'שלוש סעודות' וואס רבי אברהם רבי נחמן'ס האט גערעדט, רבי אברהם רבי נחמן'ס האט זיך צופייערט זיך, ער האט דערמאנט רבי נתן'ען, און ער האט זיך דעמאלטס אנגערופן זיך, אויף זיך אליין געזאגט; טאמער כאפט זיך אריין - מען זאגט דארטן אין 'בני היכלא' "לבר נטלין ולא עאלין הני כלבין דחציפין", האט ער זיך דעמאלטס צושריגן זיך - רבי נתן האט געשריגן - "**כלב ארוים, כלב ארוים**"!

אז ס'כאפט זיך אריין, ס'גייט ארויף דארטן - "והכלבים עזי נפש המה רועים"[לג] האט רבי נתן געזאגט; אז ס'כאפט זיך אריין א 'פירסום' איז עס א 'כלב'! האט ער דעמאלטס געשריגן "כלב ארוים, כלב ארוים"!

[לב] מובא כמ"פ בליקוטי הלכות, עי' הל' חוה"מ א' אות ב'; זֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁכָּתוּב בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ל, עַל פָּסוּק וְהוּא יְנַהֲגֵנוּ עַל מוּת, עַל פִּי מָשָׁל, כְּמוֹ שֶׁלּוֹמְדִין הַתִּינוֹק לֵילֵךְ, שֶׁתְּחִלָּה מוֹלִיכִין אוֹתוֹ, וְאַחַר כָּךְ מַנִּיחִין אוֹתוֹ לֵילֵךְ מֵעַצְמוֹ וְכוּ', כֵּן בִּתְחִלָּה מַעֲלִין אֶת אָדָם לְמַעְלָה מִמַּדְרֵגָתוֹ, וּמְסַיְּעִין אוֹתוֹ מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה', וְאַחַר כָּךְ מְנַסִּין אוֹתוֹ שֶׁיֵּלֵךְ בְּעַצְמוֹ, עיי"ש.

(השואל; ביי בני היכלא האט עס רבי נתן געשריגן?) **יא, "ולא עאלין הני כלבין דחציפין" - האט ער פארטייטשט וואס איז די ווערטער 'כלבין דחציפין', ווער זענען די 'כלבין דחציפין'? דאס איז פון אר"י הקדוש - "ולא עאלין הני כלבין דחציפין" - אז ס'כאפט זיך אריין א פירסום מיט א געשעפט - דאס איז א 'כלב'! "א כלב חצוף"! האט ער זיך צושריגן זיך "כלב ארוים, כלב ארוים"!**

(השואל; דאס איז דער פשט אז מען מיינט אז מען איז 'דער רבי' אליינס!) **אז איך מיין 'א רבי' - איז א שטיק רבי אליין! 'עפעס' - אז מען מיינט אז מ'איז 'עפעס', איז עס א געוואלדיגע סכנה!**

**א מענטש דארף זיך רייסן צו אידישקייט!**

*****

# 'זוכר כל הנשכחות'

**מען האט גערעדט, אז אין די 'ששה זכירות' איז דא איינס "זכור ואל תשכח את אשר הקצפת" - דו זאלסט נישט פארגעסן אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן! דאס איז פון די ששה זכירות.**

**און ס'איז דא א 'זכירה' - "געדענקען אז מען איז געשטאנען אויפן בארג חורב", דו האסט געזאגט 'נעשה ונשמע', דאס איז א גוטע זאך! און - געדענקען אז דו האסט אמאל דערצערנט דער אויבערשטן!**

**פארוואס דארף איך דאס געדענקען? דו זאלסט נישט פארגעסן! דאס דארף מען האבן - ווייל אז דער בעל דבר קומט צו מיר צו, ער וויל מיך אראפווארפן אינגאנצן, האב איך א זכירה - "איך בין געווען אויפן בארג חורב, איך האב געזאגט נעשה ונשמע", האלט איך זיך!**

---

[לג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ב אות ד'; כִּי יֵשׁ רוֹעִים שֶׁל הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְהֵם גַּם כֵּן מְפֻרְסָמֵי הַדּוֹר, וְכוֹפִין אֲנָשִׁים לְתַחוֹת שִׁעְבּוּדֵיהוֹ, וְעִקַּר מַלְכוּתָם הוּא עַל יְדֵי עַזּוּת, כִּי 'עַזּוּת מַלְכוּתָא בְּלָא תָּגָא' (סַנְהֶדְרִין ק"ה.), וְהֵם כִּכְלָבִים בְּעַזּוּתָם, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו): "וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ הֵמָּה רֹעִים", וְהֵן 'פְּנֵי הַדּוֹר כִּפְנֵי הַכֶּלֶב' (סוֹטָה מ"ט:).

(אבער אויב) קומט ער צו מיר צו, ער וויל מיך מאכן פאר א גאנצע 'יש', "געדענק, פארגעס נישט אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן"! פארגעס נישט, פארגעס נישט!

אויסניצן יעדער'ס - (כל זכירה על מקומו)!

די 'ששה זכירות' איז פשט - איך מוז עס האבן, איך מוז האבן די ששה זכירות אלע טאג! איז דער פשט - אז עס נוצט אלס צום אידישקייט! ס'איז דא א זכירה וואס עס ניצט - וואס איך דארף געדענקען "אז איך האב דערצערנט דעם אויבערשטן", און - איך דארף געדענקען "אז איך בין געווען אויפן בארג סיני, איך האב געזאגט נעשה ונשמע"!

נאר יעדע זאך דארף איך געדענקען 'בעתו ובזמנו', ווען ס'קומט מיר אהן דער זמן - דעמאלטס זאל איך געדענקען!

אויב קומט ער - ער וויל מיר שלעפן אין קאפ אריין מיט 'ישות', "וואס דרייסטו מיר א קאפ?! איך האב דערצערנט דעם אויבערשטן"! איז צוריק מיט צוואנציג יאר - מיט דרייסיג יאר - האב איך דערצערנט דעם אויבערשטן! פארגעס נישט!

אז דו וועסט עס געדענקען 'דא', וועט מען עס 'דארטן' פארגעסן - וועט מען 'דארטן' עס אייך אפווישן! אבער אז דו וועסט 'דא' פארגעסן - וועט מען עס 'אויבן' געדענקען!

ס'איז א כלל שוין דא, דער אויבערשטער איז א "זוכר כל הנשכחות", טייטשט מען אזא טייטש - "כל הנשכחות" - וואס דו פארגעסט דא, געדענקט מען דאס אויבן! דאס גוט'ס - דאס 'טוב' - וואס דו פארגעסט עס דא, געדענקט מען דאס אויבן! איז עס אויבן א גוטע זאך! אבער אז דו געדענקסט עס דא? (ומתגאה בזה, אזי שוכחין את זה למעלה!)

מען בייט איבער; דאס וואס מיר דארפן פארגעסן - (געדענקט מען, און וואס מען דארף געדענקען פארגעסט מען!)...

*

(השואל; מען דארף דאך געדענקען די נקודות טובות?) יא אז מיר האבן אין זיך 'גוט' - דארף איך אויך געדענקען! נאר ווען דארף איך דאס געדענקען? אז מען וויל מיר

אראפּוואַרפן אינגאַנצן, דאַרף איך געדענקען אַז איך האָב אין זיך פאַרט גוט'ס![לד] - דאַרף איך האָבן די נקודות טובות, איך פאַסט יום כיפור, איך עס מצות אין פסח, איך לייג תפילין, איך בין דאָך פול מיט מצוות! איך בין דאָך פיל מיט מצוות!

(השואל; די פשוט'ע זאַכן, אבער גרויסע מצוות טאָר מען נישט?) וואָס הייסט גרויסע? 'תפילין' איז אַ קליינע מצוה?! (השואל; איך מיין ספּעציעלע עבודות, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט מסירת נפש אָדער וואָס. איר האָט דערציילט פון "רבי אפרים ב"ר נפתלי", "רבי אברהם רבי נחמן'ס" איז געווען דאָרטן, האָט ער געהערט ווי ער האָט זיך מחיה געווען מיט נטילת ידים, מיט נעגל וואַסער, מיט קליינע זאַכן) - - -

*

דער אויבערשטער זאָל אונז העלפן, מיר זאָלן זיך האַלטן ביים רבי'ן, מיר האָבן נישט קיין בעסערן פּלאַץ - פּשוט זיך האַלטן אין אידישקייט! סיי בחור ווייז, סיי אינגערמאַן ווייז, און סיי אויף דער עלטער, און סיי גאָר אויף דער עלטער, אַז קיין אַנדער פּלאַץ - ס'איז נישטאָ קיין בעסער פּלאַץ ווי זיך האַלטן ביים רבי'ן!

מען דאַרף בעהטן דעם אויבערשטן אַסאַך "מען זאָל זיך נישט לאָזן נאַר'ן"! אַ געוואַלדיגער 'אמת' ליגט ביים רבי'נס זאַך.

* * *

# "אַלט טאָר מען ניט זיין"!

(השואל; רבי נתן האָט געזאָגט; "אַ ווייסע באָרד און נאָך אַ ברסלב'ער חסיד")[לה] יאָ יאָ, אַוודאי, (השואל; וואָס האָט ער געמיינט? די 'מניעות'? ער האָט זיך באַרימט?!) דעם רבי'נס זאַך! רבי נתן האָט אַוודאי גערעדט פון "באַנייען זיך", דעם רבי'נס זאַך איז באַנייען זיך! דאָס איז אַ ענין וואָס ס'איז תמיד!

---

[לד] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר א' אות י"ב; וְזֶה בְּחִינַת מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים, כִּי זֹאת הַבְּחִינָה מַה שֶּׁדָּן אֶת עַצְמוֹ לְכַף זְכוּת וּמוֹצֵא בְּעַצְמוֹ נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, זֹאת הַבְּחִינָה מְטַהֶרֶת טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים, כִּי מִי שֶׁהוּא בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה צָרִיךְ דַּיְקָא לִמְצֹא זְכוּת בְּעַצְמוֹ כְּדֵי שֶׁלֹּא יִפּוֹל לְגַמְרֵי ח"ו, וְעִקַּר טָהֳרָתוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא כַּנַּ"ל, אֲבָל מִי הוּא טָהוֹר כְּשֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בְּמַדְרֵגַת הַטּוֹב בְּוַדַּאי נִפְגָּם עַל יְדֵי זֶה, כִּי יִפּוֹל לְגַדְלוּת ח"ו, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אוֹמְרִים לְךָ צַדִּיק אַתָּה, הֱיֵה בְּעֵינֶיךָ כְּרָשָׁע!

[לה] עי' אבני"ה ברזל אות מ"ה; "פַּעַם אַחַת אָמַר, אַוַויְסֶע בָּארְד אוּן נָאךְ אַבְּרֶסְלֶבֶר חָסִיד".

א חסידות וואס דארף זיך נישט באנייען - איז א גרינגע חסידות! אבער אז מען דארף זיך באנייען אין דער זאך - איז עס א 'ארבעט'! באנייען זיך!!!

דער רבי האט פיינט געהאט 'אלט'![לו] ער איז א 'למדן', ער האלט אין איין לערנען - אויב ס'איז אלט (טויג עס נישט), נאר באנייען זיך! פריש פריש, לערנען פריש מיט א געשמאקקייט, פריש אין דער דאווענען, אין אלעס!

(נישט זיין) אן אלטן 'צדיק', א אלטן 'חסיד', א אלטן 'למדן'!

"זיך באנייען" - דאס איז נישט קיין קלייניגקייט, דאס איז א געוואלד, ס'איז א עבודה פון אלע טאג! באנייען זיך! מען דארף בעהטן דעם אויבערשטן - ביים לייגן זיך און ביים אויפשטיין - אז מען זאל זיך באנייען!

ביי א 'ניי' זיך ציהען צו די ווערטער (פון דאווענען)! דאס גיבט אויך א תמימות ופשיטות, (נישט דוקא) גרויסע זאכן! באנייען זיך!

הייב אן זאגן 'שמונה עשרה', באניי עס, הייב אהן בעהטן אויף 'דעת', הייב אהן בעהטן אויף 'תשובה', און הייב אהן בעהטן אויף 'סליחת עוונות', באניי זיך בפשיטות, נאכאמאל באנייסטו זיך, לייגסט זיך שלאפן - שטייסט אויף, באניי זיך! דאס איז א געוואלד, דאס איז א געוואלדיגער - דאס האט דער אויבערשטער זייער ליב! נישט "בשפתם כבדונו - מצות אנשים מלומדה"!

דאס איז דער רבי'נס זאך נאר געווען, מיט די כח פון די ספרים - און אז מען האט חברים גוטע - קען מען זיך באנייען אלע טאג, אז ס'זאל יא זיין באנייעט! און אז מען באנייעט זיך - איז עפעס אנדערש! פריש!

*

רבי נתן האט געזאגט, קעגן זיין 'שווער', זיין שווער איז געווען א צדיק - אזא געוואלדיג געווען.[לז]

[לו] עי' שיחות הר"ן אות נ"א: גַּם אֵין טוֹב לִהְיוֹת זָקֵן, הֵן חָסִיד זָקֵן, וְהֵן צַדִּיק זָקֵן, זָקֵן אֵין טוֹב, כִּי צָרִיךְ רַק לְהִתְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל בְּכָל עֵת מֵחָדָשׁ. ובעלים לתרופה מכתב שע"ג: וְהָעִקָּר שֶׁתִּזָּהֲרוּ לְקַיֵּם מַה שֶּׁהִזְהִיר מְאֹד שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת זָקֵן, וְהֵרִים קוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְקָרָא בְּקוֹל גָּדוֹל וְאָמַר "אַלְט טָאר מֶען נִיט זַיין" וְכוּ', כַּנִּדְפַּס מִזֶּה קְצָת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן נ"א).

האט ער געזאגט (- רבי נתן); ס'איז א חילוק אזוי ווי 'קניזש', א קניזש איז - אין פוילן הייסט עס דארט א קניזש - א מאכל דארטן פון מעהל מיט ראזשינקעס מיט פעטקייט, ס'איז א גוטע מאכל דארטן, עפעס א גוטע שטרודל. נאר וואס דען - אז ס'איז 'פריש' איז עס געשמאק, אבער אז ס'איז נישט פריש - ווארן די אייגענע מינים איז דארטן אויך דא, אבער - האט ער געזאגט קעגן זיין שווער - קעגן באנייען זיין.[לח]

מען האט איהם געזאגט דארטן - מען האט איהם דערציילט אויפ'ן רבי'ן "רבי זושא", נאך איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, אז "רבי זושא" אז ס'קומט חצות, געבט ער זיך אווארף אראפ פונעם בעט, "**זושא זושא! דו וועסט שוין נאכדעם פארשלאפן"!** (א' הנוכחים; "די רעשט וועסטו שוין דערשלאפן אין קבר").[לט]

**עפעס ער האט געזעהן ביי זיין שווער** (כמה עבודות גדולות), **אבער אזא מין 'התחדשות' - זיך אראפווארפן פונעם בעט, "זושא זושא", און נאך אזעלכע זאכענישן, האט ער געזעהן אז דאס איז עפעס אזא זאך - עפעס איז דאס א 'פרישע זאך'! דאס איז פריש! האט ער געזעהן דעם חילוק - אז ס'איז א פרישע זאך, ס'איז לעבעדיג, ס'איז פריש!**

**און ביים רבי'נס זאך קען מען זוכה זיין צו זיין פריש!**[מ]

* * *

---

[לז] ה"ה הגאון המפורסם רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, שהיה מכונה ע"י בני דורו "דער גרויסער ר' דוד צבי", רב ואב"ד המחוזות שאריגראד, קרעמיניץ, מאהילוב ועוד, ועי' קצת מגדולתו באבני"ה ברזל אות א', ושיש"ק ח"ב אות רנ"ו.

[לח] עי' אבני"ה ברזל אות א', ושיח שרפי קודש ח"א אות תרי"א.

[לט] עי' אבני"ה ברזל אות ב'.

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ה' אות ט'; וְכָל זֶה מְקַבְּלִים כֹּחַ מִבְּחִינַת הזקן דִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא הָעֵוֵר הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת זָקֵן שֶׁבִּזְקֵנִים, סָבָא דְּסָבִין, שֶׁזָּכָה לְזִקְנָה דִּקְדֻשָּׁה כָּזֶה, עַד שֶׁאָמַר שֶׁהוּא זָקֵן מְאֹד ויניק מְאֹד וְכוּ' וְכַנַּ"ל, שֶׁמִּמֶּנּוּ מְקַבְּלִים כָּל הַצַּדִּיקִים כֹּחַ לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדָתָם לְחַדֵּשׁ כֹּחָם וַעֲבוֹדָתָם בְּכָל פַּעַם ... עַל-כֵּן בְּכֹחַ הַצַּדִּיקִים הָאֵלּוּ יְכוֹלִין לְהִתְחַדֵּשׁ בְּכָל פַּעַם אֵלּוּ הַנּוֹפְלִים, כְּמוֹ שֶׁשָּׁכִיחַ עַתָּה הַרְבֵּה בְּחשֶׁךְ הַגָּלוּת הַזֶּה שֶׁהִתְגַּבְּרָה הַסִּטְרָא אַחֲרָא וְהַבַּעַל דָּבָר מְאֹד עַל כָּל הָרוֹצֶה לְהַתְחִיל לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה', וּמַפִּילִים אוֹתוֹ בְּכָל פַּעַם כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁמַּפִּילִים אוֹתוֹ ח"ו רח"ל, וּצְרִיכִים לְחַזֵּק אוֹתָם וּלְהַחֲיוֹתָם בְּכָל פַּעַם בְּשִׁבְעָה מְשִׁיבֵי טַעַם שֶׁלֹּא יִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָן לְעוֹלָם וְיַתְחִילוּ בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ כַּנַּ"ל, וְכָל זֶה הַכֹּחַ מְקַבְּלִין מִצַּדִּיקִים הַנַּ"ל.

# 'הריני מקשר עצמי לכל הצדיקים'

(השואל; ווער האט געמאכט דעם נוסח פון "הריני מקשר"? ווען האט מען עס אנגעהויבן זאגן, גלייך נאך תורה ב'?! ס'איז דא היינט גאנצע דיוקים -)[מא] **מען האט שוין געדרייעט אנדערש אויך! דער 'תיקון הכללי' ביים אנהויב אהן - דעם ערשטן 'תיקון הכללי' פון רבי נתן - שטייט נישט וואס ס'שטייט היינט!**

דאס ערשטע בלעטל (ביי די תפילה); **"אשירה לה' בחיי, אזמרה לאלקי בעודי"**, ווייטער דארטן - עס שטייט דארטן - **"כל העשרה צדיקים שיסדו ספר תהלים"**, האט זיך אנגעהויבן ווייטער באלד **"ובזכות כל הצדיקים והחסידים האמתיים"!** (בלי הנוסח שניתוסף אח"כ; "ובזכות הצדיק יסוד עולם וכו', אשר גילה ותיקן לומר אלו העשרה קפיטל תהלים בשביל תיקון הברית").

(השואל; גוט, דאס איז בשעת דער רבי האט געלעבט?!) **ניין, אפילו בשעת רבי נתן'ס צייטן אויך נישט! אין מיינע צייטן אויך נישט! דער "ובזכות הצדיק יסוד עולם נחל נובע מקור חכמה" וכו', דאס שטיקל איז נישט געווען! דו מיינסט אפשר אז מען מאכט בעסער דערמיט?! אסאך מענטשן ווילן נישט זאגן - איבער דעם שטיקל!** (שרחוקים עדיין מענין רביז"ל).

(השואל; רבי נתן אליין פלעגט נישט זאגן?) **ער האט געזאגט - אבער ער האט דאך נישט אפגעדרוקט!**

(השואל; עס שטייט ווייטער "והנני מקשר עצמי לכל הצדיקים" וכו'?) **יא אוודאי, יא, "קדושים אשר בארץ המה"! אבער דאס** (- "ובפרט להצדיק יסוד עולם" וכו') **איז שוין צוגעשטעלט! דאס איז אויך נישט געשטאנען פריער!**

**רבי נתן האט געוואוסט, אז מקרב זיין די וועלט צום אויבערשטן, דארף מען מאכן דעם רבי'נס זאך אזוי ווי א 'כלל זאך'!**

**הערט זיך איין, איך קען זאגן אליין וואס איך וויל, אפצודרוקן - איז עפעס אנדערש!**

---

[מא] עי' שיחות הר"ן אות רצ"ו; בְּשְׁעַת הַתְּפִלָּה צְרִיכִין לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כַּמּוּבָא בְּסִימָן ב' וּבְסִימָן ט' בְּ"לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" חֵלֶק רִאשׁוֹן וּבִשְׁאָר מְקוֹמוֹת. עַל כֵּן הִזְהִיר לַאֲנָשָׁיו שֶׁיֹּאמְרוּ קֹדֶם הַתְּפִלָּה "הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי לְכָל הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ".

*

נאשקע ע"ה[מב] האט מיר דערציילט; דער היינטיגער 'ליובאוויטשער', זיין פאטער מיט זיין מוטער האבן געוואוינט אין 'יקטרינסלב' - א שטאט אין רוסלאנד, ער איז געווען א רב דארטן - דער ליובאוויטשער'ס פאטער, א 'שניאורסאהן' (ה"ה רבי לוי יצחק שניאורסאהן ז"ל), א גרויסער רב, א גאנצער געשטעל געווען.

און נאשקע ע"ה איז אמאל געווען אין יקטרינסלב, ער האט געוואלט דרוקן דארטן דעם רבי'נס ספרים, איז ער דארטן געווען, ער האט דארטן געהאלטן שבת, ער איז איינגעשטאנען ביי דעם רב.

און זי איז געווען א 'מלומדת', זי - די מוטער, א גאנצע קנאק געווען, זי קוקט אריין אין די תיקון הכללי, קוקט, קוקט, "ובזכות הצדיק הזה השוכן פה", און ווייטער "עשה מה שעליך", הייבט זיך אהן ווייטער "ומחול לי", פרעגט זי איהם; וועמען זאגט איר "ומחול לי"? זי האט געפרעגט; 'ובזכות' - רעדט איר דאך צו אייער רבי'ן?! 'ומחול לי' זאגט איר אויך צו אייער רבי'ן?

זאגט ער; 'ובזכות' זאגן מיר אויך נישט צום רבי'ן! רעדן מיר אויך צום אויבערשטן! 'ובזכות הצדיק הזה' - אבער מיר רעדן צום אויבערשטן! זי איז געבליבן שטיין, "איך האב געמיינט איר רעדט צו אייער רבי'ן"?!...

(השואל; דער לשון איז פון רבי נתן; 'ובזכות' 'ומחול לי'?) אוודאי, יא יא!

קענן וואס רעדן מיר? אז וואס ס'איז א 'כלל זאך' דערהערט זיך די זאך מערער!

*

# 'כתבם על לוח לבך'

געדענק איך, אז מען איז אין אומאן געקומען, מען האט אויפגעהאנגען דער "הריני מקשר" אויף דער וואנט אין אומאן, אין מיינע צייטן איז עס נישט געווען, די פוילישע האבן עס אויפגעהאנגען אויף די וואנט, האבן זיי געשריגן - די אומאנ'ער; "פארוואס

[מב] רבי 'נאשקע' טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנ"ש.

מאכט איר א התנגדות ביי אונז אין שול? ס'איז אמאל געהאנגען אויף דער וואנט?! ס'איז קיינמאל נישט געהאנגען אויף דער וואנט דער 'הריני מקשר'"!

אזוי איז געווען, נו, די פוילישע - האט מען געקענט גיין מיט זיי? אראפגענומען - האבן זיי נאכאמאל אויפגעהאנגען!...

די אומאנ'ער זענען געווען געווארענט, זיי האבן געוואוסט אז וואס מען איז א נארמאלער מענטש מערער - שיינט דער זאך מערער! איך בין גלייך מיט אלעם, און דארטן ליגט עס! אבער אז איך מאך שוין א 'אפטייל' - קען שוין זאגן א מתנגד אויף אונז "אז ביי זיי איז דער רבי זייער גאט"! - דאס וואס די מתנגדים זאגן אויף אונז, פארשטייסט?!

האבן מיר זיך מונע געווען - ווי ווייט מען האט געקענט - האבן מיר זיך מונע געווען פון זיין א יוצא מן הכלל! מען האט נישט געוואלט זיין קיין יוצא מן הכלל! מיר האבן געוואלט זיין גלייך מיט אלעמען!

וואס איך טראכט זיך אין הארצן - האב איך דאך אין הארץ! דארף איך דאך נישט ווערן ארויסגעבן!

(השואל; אז מען פלעגט גיין מיט 'תכלת' - איז מען נישט געווען א יוצא מן הכלל?) 'תכלת' איז דאך געווען נארמאל, מען האט געוואוסט אז די "ראדזינ'ער" גייען מיט תכלת! דער "ראדזינ'ער" איז געגאנגען תכלת, דער ראדזינ'ער איז דאך געווען א גדול אין די וועלט - און מיר גייען אויך!

און נישט אלע זענען געגאנגען! ס'האט נישט אזוי גע'רעש'ט!

(השואל; עס איז א ענין צו זאגן "הריני מקשר" פארן לערנען? איידער א מצוה?)[מג] דו קענסט זאגן "הריני מקשר" פאר יעדער מצוה, פאר יעדער צדקה, דו קענסט זאגן צעהן מאל א טאג "הריני מקשר", אבער דו דארפסט נישט אויפהענגען אויף די וואנט! דער "הריני מקשר" קען זיין ביי דיך אין הארץ, נישט אויף דער וואנט!

*

[מג] עי' שיח שרפי קודש ח"ו אות רנ"ו, עפ"י תו' ח', עיי"ש.

# 'תפארת לו מן האדם'

איך געדענק אמאל, איך בין געווען אין בני ברק, האט ער חתונה געמאכט א קינד - 'נתן בארסקי'[מד] האט חתונה געמאכט א טאכטער, און דעם שבת נאך די חתונה האט ער געמאכט אין שטיבל, איז מען געקומען אין שטיבל, איך בין פונקט דעם שבת געווען אין בני ברק, ס'איז אנגעקומען א שיינער עולם - פון די גור'ער, זיי האבן געהאט דרך ארץ פאר אונז, פיין יא.

און איינער א גור'ער חסיד האט געהאט יארצייט דעם שבת, ער האט געהאט שבת אליין יארצייט, איז ער צוגעגאנגען און געזאגט - ער האט יארצייט היינט אליין אין שבת! לויפט צו איינער; "איר וועט זאגן 'הריני מקשר' פאר מוסף? קענט איר דאווענען מוסף"!...

איז יענער אוועק, אוועק אינגאנצן, ער איז אינגאנצן נישט געווען ביי מוסף, מיט א כעס איז ער אוועק.

בין איך צוגעגאנגען צו איהם; פון וואנעט האט איר גענומען דעם וועג? יענער וויל דאווענען מוסף, ער האט יארצייט - פון וואנעט האט איר גענומען דער וועג? זאגן יענעם?! איז אין אומאן געווען איינמאל אזא וועג - צוגיין יענעם זאגן?! אז יענער קומט אריין צו אונז, יענער איז געווען זייער צופרידן מיט אונז, מיט א דרך ארץ, און וואס גייסטו? יענער האט יארצייט - זאל ער דאווענען מוסף!

איך דאווען דען נישט קיין מוסף אליין? איך דאווען דאך אליין אויך מוסף! (אם הוא חושש להריני מקשר...)

ס'האט מיר אזויפיל גע'ארט, איך האב איהם געזאגט; פון וואנעט האט איר גענומען דאס דאזיגע?! יענער איז דאך געווארן דערוויטערט!

עס איז קיינמאל נישט געווען ביי אונז, אז מען זאל צוגיין - א מענטש וויל דאווענען - זאל איך איהם זאגן; זאג 'הריני מקשר', אז נישט וועל איך נישט צולאזן צום עמוד!

---

[מד] בנו של רבי שמשון ז"ל, בעל עצות המבוארות, נכד רביז"ל, ומחשובי אנ"ש.

אז יענער איז ביי אונז א חסיד, קען איך מיט איהם רעדן וואס הייסט 'הריני מקשר', אבער אין די וועלט איז עס גאר א אפגעפרעגטע זאך, מען ווייסט גארנישט וואס הייסט 'הריני מקשר'.

אבער אז ער איז שוין ביי אונז, הייבט ער אהן אריינצוגיין, הייבט ער אהן צו וויסן דער ענין, ס'איז מרומז גאר אין א זוהר,[מה] ער הייבט אהן אריינצוגיין.

אבער אז יענער קומט אריין גלאט, ס'איז א שמחה ביי יענעם, און ער זאגט ער וויל דאווענען מוסף, ער האט יארצייט, זאל איך איהם עפעס זאגן?!

(אחד מהנוכחים; איינער א מוהל האט מיר אזוי געזאגט, אז מען האט איהם געצווינגען זאגן 'הריני מקשר' פאר א מילה, דער טאטע האט איהם גענומען אין דער זייט; "זאגט וואס שטייט דא, הריני מקשר", ער האט איהם געצווינגען, ס'האט זייער פארדראסן דעם מוהל), **אוודאי, דער מוהל איז גערעכט! וואס האסטו צו מאכן יענעם? דו ווילסט דאך אז אונזער זאך זאל האבן א חשיבות! ווי קען ער האבן א ביטול פאר אונז? ווי קען עס האבן א חשיבות?!**

*

(השואל; אז מען זאל גיין אין 'מקוה' האט מען יא מקפיד געווען?), **מקוה איז אנדערש, מקוה איז שוין א אנדערע זאך!**

דארף איך אויך נישט יענעם פרעגן, "ביסטו טאקע געווען אין מקוה"?! א חסיד'ישער איד גייט דאך אין מקוה.

נאר צוגיין "זאגן איהם"?! פון וואנעט האסטו עס גענומען - יענעם מרחק זיין?! יענער זאל אנטלויפן פון אונז, און נאכדעם איז די גאנצע זאך ביי איהם עפעס א חוזק - אונזער זאך 'הריני מקשר'.

עס דארף האבן א 'הידור' - נעמט מען איהם און מען איז גאר מרחק די זאך![מו]

---

[מה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ב' אות ו', ענין "ויקם משה את המשכן", עפ"י זוה"ק פרשת פקודי דף רל"ח ע"ב. ועי' בסדר היום לרבי יצחק ברייטער ז"ל, כ' וז"ל; עי' בספר שער הגלגולים הקדמה ל"ח שציוה האריז"ל להרח"ו זלל"ה להתדבק לצדיקים קודם התפילה, ובייחוד ציוה לו על רבי עקיבא. וכוונת ההתקשרות הוא להתפלל אל השם יתברך על דעת אמונתם והשגתם בהשם יתברך וע"ד ידיעתם ברום מעלת התפילה והצירופי שמות ותיקוני העולמות הנעשים על ידי התפילה.

[מו] עי' תורה נ"ח אות ה'; 'תִּפְאֶרֶת', זֶהוּ שֶׁמְּדַקְדֵּק אֵיךְ לְהוֹצִיא חָכְמָתוֹ, שֶׁלֹּא יִהְיוּ נִבְזִים, בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת י): "דִּבְרֵי פִּי חָכָם חֵן".

*

מען ווייסט דאך, אז "רבי ישראל קארדונער" איז געווארן מקורב צו אונז, רבי ישראל קארדונער איז געוועזן אין טשעהרין, און "רבי משה ברסלב'ער"[מז] האט מיט איהם געלערנט, ער האט איהם דאך אינגאנצן מקרב געוועזן.

און ווי דער רבי ברענגט (איזה מעלה של הצדיק האמת) האט ער געזאגט; ער מיינט דעם "סאדיגור'ער"! ער איז געוועזן דארט א חסיד פריער. און רבי משה האט איהם גארנישט געזאגט! רבי משה האט געהאט אריכת אפים, גארנישט געזאגט איהם!

מען האט געלערנט - יא - (אמר רבי ישראל) "דאס מיינט דער רבי דעם סאדיגור'ער, ביי איהם האב איך געזעהן דאס"! און רבי משה האט געשוויגן!

און צום סוף, האט ער אנגעהויבן צו זאגן "אוי, דאס האב איך נישט געזעהן ביים סאדיגור'ער"! האט ער ווייטער געשוויגן - רבי משה. נו, איז ער געווארן א ברסלב'ער חסיד!

*

# 'לקרב ולא לרחק'

א מענטש אז מען וויל איהם מקרב זיין, קען איך נישט נעמען יענעם, און שוין אריינגעבן דעם 'הריני מקשר', איך דערווייטער איהם אינגאנצן דערמיט!

דאס 'פוילישע חסידות' - שוין לויפט ער, ער וויל שוין יענעם - - - "וואס ווילסטו פון מיר"?!

"יענער זאל קומען אויף ראש השנה"! - אויך נאכנישט! אז ער וויל קומען זאל ער קומען!

וואס איך וועל איהם מערער (נאכלויפן) - איך מיין דאך אז איך וועל איהם איבעררעדן מער און מער, ניין - פאוואליע!

מען האט קיינמאל נישט געזעהן דאס דאזיגע - מען זאל טוען דאס דאזיגע!

[מז] תלמיד מוהרנ"ת ז"ל.

און (אז מען ווייסט) דאס גרויסקייט פון 'מקוה', האט מען מסירת נפש דערויף! דאס איז שוין א באזונדערע זאך, ס'ווערט ממילא אזוי! אבער גלייך צו גיין יענעם זאגן?!

*

(מדבר מאחד שהיה לו התקרבות לאנ"ש שם בירושלים) - - - ער האט יארצייט דעם שבת, נאך די טאטע מיט'ן מאמע,ביידע אין איין טאג, ער וועט דאווענען שבת אלע תפילות, איך וועל איהם נישט זאגן קיין ווארט! איך וועל נישט זאגן - נישט דערפאר ווייל איך וויל זיינע געלט! און ער איז שוין עטליכע דורות פון אונזערע לייט, ער האלט זיך שיין, ער גייט אלע טאג אין מקוה, ער פארפעהלט נישט קיין איין טאג קיין מקוה, ער גייט אלע טאג צום כותל פארטאג, אין די גרעסטע רעגנ'ס, דריי אזייגער איז ער שוין ביים כותל, דארטן האט ער א שיעור אין גמרא מיט משניות, אלע טאג, אלע טאג! אין מקוה גייט ער אלע טאג! נאר וואס דען, ער שערט זיך די בארד! איז איהם נישט צולאזן צום עמוד?! ער האט יארצייט! איך וועל דאך איהם אינגאנצן מרחק זיין! ווי קען איך טאן אזא מין זאך?!

א חוץ דארטן - וואס ער גייט די 'צדקות', פאר די ארימע לייט - פאר די חתונה'ס - העלפט ער! און דאס איז אויך נישט הפקר ביים אויבערשטן!

אבער דער עצם זאך - ווי מעג איך אזא יונגערמאן מרחק זיין?! אז ער האלט זיך אזוי שיין ביי אונז, דריי אזייגער איז ער שוין אין מקוה, און גלייך צום כותל גייט ער צופים, א שיעור דארטן גמרא מיט שלחן ערוך, ער דאווענט כוותיקין, ער האלט זיך שיין מיט צדקה, האט ער נישט קיין בארד! איך ווייס דאך אז ער גאָלט זיך נישט - ער שערט זיך! וועל איך איהם מרחק זיין? ווי קען איך טוען אזא מין זאך?!

*

(השואל; "משה צדוק'ס" האט געהאט א בארד?)[מח] נאכדעם יא, נאכדעם האט ער געהאט א ווייסע בארד, אזוי ווי א 'רבי' האט ער אויסגעזעהן, און לאנגע פיאות!

---

[מח] בעל תשובה שנתקרב ליהדות ע"י אנשי שלומינו באומאן, ע' אודותיו בשיש"ק ח"ד אות תקס"א, וח"ה אות רנ"ג.

אבער פון אנהויב אהן, ווען ער האט גע'הרג'עט אידן, האט ער נישט געהאט קיין בארד מיט קיין פיאות, דעמאלטס האט ער אויסגעזעהן ווי א רוצח, ביי אונז איז ער געווארן א תמימות'דיגער - (איש כשר תמים)! ביי אונז איז "לקרב ולא לרחק"![מט]

*

## 'ימין מקרב'

ס'איז געווען איינער אמאל ביי אונז, ער האט געהאט א קלייט'ל דארטן, מ'פלעגט קויפן ביי איהם טיי, האט ער געהאט יארצייט, ער האט אביסל צוגעשוירן דעם בארד, איז ער צוגעגאנגען דאווענען פאר'ן עמוד, איז צוגעגאנגען 'משה שמואל',[נ] ער האט איהם אוועקגעשטופט!

האט איהם "רבי אברהם ר' נחמן'ס" געגעבן א פארציע, אוי האט ער איהם באצאלט; "אז א מענטש קומט אריין צו אונז דאווענען, אז ער שעמט זיך נישט דאווענען ביי אונז" - ער האט געוואוינט לעבן די שוהל דארטן, מען פלעגט קויפן ביי איהם טיי, א קלייטל פון טיי, - "גייסטו און שטופסט איהם אוועק פונעם עמוד"?! אוי האט ער איהם געגעבן!

מיר האבן געהייסן די 'געפאלענע' ביי זיך, 'נרדפים' ביי זיך, אז איינער קומט אריין צו אונז, איז ער שוין אונזער א חסיד שוין פארטיג? דארף איך איהם מרחק זיין?! אזוי איז דאס.

(השואל; 'משה שמואל' איז געווען פון רבי אברהם'ס מענטשן?) יא! ער איז געווען אביסל ווילד, אבער ער איז געווען א ערליכע איד, א גרויסער עובד השם!

איך דערצייל נאר דער זאך, איך וויל נישט מגנה זיין משה שמואל'ן, איך דערצייל אייך נאר אז אונזער זאך איז נישט געווען דאס - אז א מענטש וויל מקורב זיין צו אונז - ער קומט אריין אמאל, שוין כאפן א פסק, 'מקוה', 'הריני מקשר', דאס איז נישט אונזער זאך! פון דעם ווערן נישט מקורב קיין מענטשן!

---

[מט] עי' ליקוטי הלכות הל' רבית ה' אות כ"ז: כִּי עִקַּר הָאֱמֶת הוּא לְקָרֵב וְלֹא לְרַחֵק, רַק לְבָרֵר וּלְגַלּוֹת נְקֻדַּת הָאֱמֶת שֶׁאֵצֶל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ הָרְחוֹקִים מְאֹד, כִּי זֶה עִקַּר אֲמִתַּת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ.

[נ] מחשובי אנ"ש שבאו מפולין לאומאן, ממקורבי רבי אברהם ב"ר נחמן ז"ל.

אז ער איז שוין מקורב, און איך קען שוין מיט איהם עפעס רעדן, דעמאלטס רעד איך מיט איהם! און ביז איך גיי שוין מיט איהם עפעס רעדן - ער זאל שוין וויסן וואס הייסט 'מקוה', וואס הייסט (אנדערע זאכן פון רבי'ן)!

אזוי איז געווען, אזוי איז געווען!

*

ס'איז געווען איינער אמאל אין אומאן, ער האט געוואוינט אין 'זווינינגראדקע', ס'איז א שטאט לעבן 'שפאלע', ס'איז געווען זייער פארברענטע מתנגדים דארטן, איז ער אריינגעקומען - אן אלטער איד - צו אונז, אין די צייט צו מנחה איז ער אריינגעקומען, האט ער געהערט ביי אונז א מנחה.

איז דער מענטש ארוים פון די כלים, "אזא מנחה - אין זיין לעבן נישט געהערט", אה א מנחה!

געבט ער א פרעג; "וואו איז אייער רבי'נס ציון"? האט מען איהם געוויזן דורכ'ן פענסטער אז "דארטן איז עס"! קעגן פענסטער איז געווען דעם רבי'נס ציון. ער האט געוואלט גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון - אזוי איז ער געווארן דערוואָרעמט!

אז ער איז געשטאנען ביי דער טיר, רופט זיך אהן איינער; "נו, איצטער וועסטו שוין וויסן וואו דער שקר איז"?! האט ער געגעבן א שפיי און ער איז אוועק!...

(ונענו לו אנ"ש) "וואס האסטו געטוהן"?! א מענטש ווערט אזוי מיט התנגדות - אין זווינינגראדקע לעבן שפאלע ברענט דאך א פייער, און ער איז נתעורר געווארן דורך א מנחה ביי אונז, און וויל שוין גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון, גיבסטו איהם א 'פאטש', און דערוויטערסט איהם אינגאנצן?!

ער איז געווען א שארפער, א שארפער געווען! "וואס האסטו געטוהן? איז דאס דעם רבינ'ס זאך?! האסט איהם מרחק געווען"!

(אחד מהנוכחים; די פוילישע האבן זיך אויך אסאך געפירט אזוי, זיי האבן זיך אויסגעלערנט פון איהם?) די פוילישע פון איהם? ער פון די פוילישע! נאר וואס דען? אוודאי, אין אומאן איז נישט געווען אזוי! ניין ניין, אין אומאן איז נישט געווען אזוי!

דער "רבי געצע" איז געווען א מענטש מיט יראת שמים, א שטילער - -

*

אין פוילן איז געווען צוויי גרויסע רבי'ס, דער "קאזניצער מגיד", און דער "חוזה", דאס איז געווען אין פוילן! און זיי האבן ביידע געהאלטן פונעם רבי'ן, זיי האבן געגעבן הסכמות אויפן רבי'נס ספר, און ממילא האט מען אין פוילן געהאלטן פונעם רבי'ן - זיי האבן געזעהן צדיקים האלטן פונעם רבי'ן![נא]

אבער אז זיי האבן אנגעהויבן קלאפן, זיי האבן אנגעהויבן רעדן, אנגעהויבן מבזה זיין, האבן זיי געמאכט מתנגדים! אין פוילן וואלט נישט געווען קיין שום התנגדות! נאר פון דערפון - זיי האבן אנגעהויבן רעדן אויף אלע רבי'ס, האבן זיי געמאכט מתנגדים!

די פוילישע רבי'ס האבן אלע געהאלטן פונעם רבי'ן! פארוואס? ווייל דער "קאזניצער מגיד" מיט דער "חוזה", האבן געהאלט פונעם רבי'ן, האבן זיי אלע געהאלטן פונעם רבי'ן! אבער אז מען הייבט אן צו רעדן אויף זיי?

*

## 'לשנות מפני השלום'

צו דעם דארף מען אויך האבן 'אריכת אפים'! איך האב געקענט רעדן מיט א מתנגד "פונעם רבי'נס זאך"! דער גרעסטער מתנגד - איך האב מיט איהם אפגערעדט עטליכע שעה, איך האב איהם אריינגעהאקט דעם גאנצן ליקוטי מוהר"ן, גאנץ ליקוטי הלכות! ער האט נישט געוואוסט אז איך בין א ברסלב'ער, און ער האט נישט געוואוסט אז דאס איז פונעם רבי'ן!

ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האט ער זיך פון מיר געזעגנט, "קשה עלי פרידתכם" - האט ער מיר געזאגט! דאס איז א 'פארברענטער מתנגד' - און ער האט נישט געוואוסט אז איך בין א ברסלב'ער חסיד!

---

[נא] עי' עלים לתרופה מכתב קס"ד, וז"ל בתוך דבריו: וַאֲנִי עוֹסֵק בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים זֶה יוֹתֵר מִשְּׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה, וּכְבָר זָכִיתִי לְהַדְפִּיסָם כַּמָּה פְּעָמִים עִם הַסְכָּמוֹת מִגְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל מְחַבְּרִים מְפֻרְסָמִים גְּאוֹנֵי עוֹלָם, וְנִתְפַּשְּׁטוּ בְּכָל יִשְׂרָאֵל בִּפְרָט בִּמְדִינוֹת לִיטָא וְרַיְיסִן וּפוֹלִין גָּדוֹל וּבְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְכֻלָּם מְשַׁבְּחִים וְאוֹמְרִים שֶׁהֵם דְּבָרִים נִפְלָאִים וַאֲמִתִּיִּים, וּפוֹתְחִים שַׁעַר לְכָל דּוֹפְקֵי בִּתְשׁוּבָה, וּמַדְרִיכִים אֶת הָאָדָם בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, לְבַד בִּמְדִינָתֵנוּ רַבּוּ הַמַּחֲלֹקֶת, מֵחֲמַת דִּבְרֵי הֶבֶל וכו'.

(מיר זענען געווען) **עטליכע שעה אויף דער באן, איך פלעג האלטן אויף די באן א 'משניות', טאמער קומט א מתנגד, וועט דער מתנגד צוגיין צו מיר! אז איך האלט דעם רבי'נס ווערטער, וועט ער דאך נישט וועלן צוגיין צו מיר, האב איך געהאלטן א משניות!**

**א משניות - איז ער צוגעקומען צו מיר "ווער זענט איר"? "ווי דאווענט איר"? און "וואספארא חסיד זענט איר"? - אזוי הייבט ער אהן פרעגן גלייך, אזוי געפרעגט. זאג איך איהם; "תלמידי בעל שם"! איך האב זיך אזוי ארויסגעדרייט, און איך האב איהם געהאקט די ווערטער פונעם רבי'ן!**

(שאל האיש הנ"ל) **"געוואלד, ווי האט איר געהערט אזעלכע ווערטער"? "אין ספרי תלמידי הבעל שם"!**

**"ס'איז געווען קשה עלי פרידתכם" - האט ער זיך מיט מיר געזעגנט! און דער איז געווען א מתנגד!**

**דאס האט דער רבי געזאלט; "רעדט פון מיר, שמועסט פון מיר, דערמאנט נישט מיין נאמען"![נב]**

**ווען איך זאג איהם איין ווארט, גיבט ער א שפרונג אוועק פון מיר, שוין!**

(השואל; רבי נתן פלעגט אויך אזוי טוהן? נישט דערמאנט דעם נאמען פון רבי'ן? איך מיין רוב התנגדות איז געווארן פון דעם וואס רבי נתן האט גערעדט אפען פון רבי'ן?!) **ווי ער האט געקענט!**

[נב] השיחה במלואו (מתוך שיחות של רלוי"צ במקו"א): "איך וואלט געוואלט איר זאלט רעדן פון מיר, שמועסן פון מיר, און נישט דערמאנען אין מיין נאמען, וואס ארט מיר אז יענער זאל בענטשן אן ערענסט בענטשן, און ס'זאל זיין פון מיין כח, און ער זאל נישט וויסן אז ס'איז פון מיין כח"! ועי' בשיחות הר"ן אות קמ"א בסופו, לגבי ענין התיקון הכללי וז"ל; וְאֶפְשָׁר שֶׁהָרַב הַנַּ"ל וְכַיּוֹצֵא מְגַדֵּל תְּשׁוּקָתָם לְזַכּוֹת בָּהֶם אֶת הָרַבִּים בְּתִקּוּן גָּדוֹל כָּזֶה, וְיָדְעוּ שֶׁיֵּשׁ שֶׁנִּמְצָאִים מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עַל רַבֵּנוּ ז"ל, עַל־כֵּן קִיְּמוּ בְּנַפְשָׁם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ ז"ל (יְבָמוֹת סה:): 'שֶׁמֻּתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם'. וּבִפְרָט בְּדָבָר גָּדוֹל וְתִקּוּן כָּזֶה. וְעַתָּה בִּין תָּבִין שֶׁצָּדְקוּ הַנֶּאֱמַר לְעֵיל שֶׁהֵם תִּקּוּן חָדָשׁ לְגַמְרֵי וְלֹא יָדַע מִזֶּה שׁוּם נִבְרָא מִימוֹת עוֹלָם, וְתֹאמְרֵם בְּשֵׁם רַבֵּנוּ ז"ל, בִּכְדֵי שֶׁשִּׂפְתוֹתָיו יִהְיוּ דוֹבְבוֹת וְכוּ' (סַנְהֶדְרִין צ:), אֲשֶׁר כָּל הַצַּדִּיקִים מִתְגַּעְגְּעִים לָזֶה, וּמִזֶּה אֲשֶׁר אִלְצוּנִי לְגַלּוֹת כָּל הַנַּ"ל.

"רבי נתן" איז שוין געווען ידוע'דיג, מען האט אומעטום געוואוסט ווער ער איז, האט ער זיך נישט געקענט מעלים זיין! אבער מיר האט מען נישט געוואוסט, איך האב זיך געקענט מעלים זיין!

* * *

# 'שובו בנים שובבים'

(אחד שואל בענין המנהג שלא לאכול דבר החין בימי השובבי"ם), וואס דו ווילסט זאלסטו טוהן! דו קענסט פאסטן?! (השואל; מען הייבט אן אינדערפרי ביז ביינאכט, אדער שוין פון ביינאכט אויך?) אין א תענית פאסט מען ביינאכט אויך?!

(אחד שואל המקור למנהג הזה שלא לאכול דבר מן החי) ס'שטייט אין די הלכות,[נג] אבער די זאך פון 'דבר מן החי' שטייט נישט!

ביז ביינאכט, ס'איז דאך נישט מער ווי א תענית!

(שואלים אותו על סליחות לשובבי"ם) נאר דאנערשטאג, איינמאל אין דער וואך! זעקס וואכן, אויסער - 'חמשה עשר בשבט' וועט זיין דאנערשטאג - וועט מען זאגן מאנטאג! נאר זעקס מאל - זעקס וואכן, אין א 'עיבור יאר' איז דא ת"ת אויך - תרומה תצוה אויך! ס'איז דא עקסטערע סליחות.

(השואל; ווען זאגט מען עס?) פארטאג, פאר'ן דאווענען! (אחד מהנוכחים; נו, אין כולל [של אנ"ש בבני-ברק] דארף מען זאגן!) רעדט אפ, רעדט צונויף, פריער פאר'ן דאווענען, א צוואנציג מינוט פאר'ן דאווענען! ווען הייבט איר אהן דאווענען? א פערטל פאר זעקס?! איז פריער מיט א צוואנציג מינוט!

היינט איז געווען סליחות, די צווייטע סליחה איז גאר פון ערב ראש השנה, און איינס איז פון בה"ב.

אין 'ישועות יעקב' האט ער א גרויסער עולם (לסליחות)!

(השואל; אין אומאן פלעגט מען זאגן?) ניין, נאר דא! (השואל; פארוואס אין אומאן האט מען טאקע נישט געזאגט?) פרעג נישט, דו פרעגסט מיר קשיות? אזוי איז עס, שוין!

---

[נג] בליקוטי הלכות הל' גילוח ד' אות ח'; וְזֶה בְּחִינַת שׁוֹבָבִ"ם שֶׁבָּהֶם נוֹהֲגִים הַכְּשֵׁרִים לְהִתְעַנּוֹת וְלִצְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ בִּתְפִלּוֹת וּסְלִיחוֹת.

* * *

(השואל; בחיי רבינו האט מען נישט געזאגט 'הריני מקשר'? [בקשר להמדובר לעיל]) **איך ווייס נישט, מסתם האט מען יא געזאגט, עס שטייט דאך אין תורה ב' מען זאל זיך מקשר זיין - האט מען זיך מקשר געווען!**

**וויאזוי מען האט געזאגט** (הנוסח במדויק)**? וויאזוי מען האט געזאגט איז געווען גוט! שוין.**

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **אליעזר חיים זינגער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
ומחותנו מוה"ר **אברהם משה שווארץ** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בניהם למזל טוב**

הבה"ח **חיים הערש האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסיו למזל טוב**

מוה"ר **יודל איינהארן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **אשר מרדכי פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יואל בלייער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה